קונטרס

# פתגם המלך

*

שיחות קדושות שנשמעו

**מכ״ק מרן אדמו״ר שליט״א**

בעת עריכת שלחנו הטהור

**ליל שושן פורים**

שנת תשע״ו לפ״ק

יוצא לאור ע״י

**מכון מעדני מלך וויען**

חודש אדר ב׳ תשע״ט לפ״ק

- פנימי -

לעלוי נשמת

הר"ר **ישעי'** ב"ר ישראל **פאללאק** ע"ה

נפטר י"ג אדר תשע"ז לפ"ק

להשיג אצל

מכון מעדני מלך וויען

185 Wilson St.

Brooklyn N.Y. 11211

718.388.1751.#117

קונטרס

# פתגם המלך

פורים תשע"ו

## שיחה א'

**ווער** איז דער עיקר פון די גאנצע מגילה, די עיקר איז דער מלך אחשורוש. ער האט געברענגט די ישועה פאר די אידן. ער האט גע'הרג'עט המן, ער האט געגעבן די באפעל אז פון היינט אן קענען זיך אידן שטעלן להנקם מאויביהם, ער האט געברענגט די ישועה פון פורים.

**וואס** באצאלט דער אייבערשטער פאר איינעם וואס ברענגט א ישועה, ער האט געהאט א מלכה אסתר. צו טרעפן א גוטן שידוך דארף מען האבן זכותים. אז דער אייבערשטער האט אים מזמין געווען אסתר הצדיקת, איז א סימן אז ער האט געהאט א זכות.

**דער** הייליגער **קדושת לוי** רעדט זייער אסאך מאל ארום דערפון (ראה קדושת לוי פי' שמות ד"ה לכה, ובקדושה רביעית לפורים), אז א רשע ווען ער איז זוכה אז עס קומט ארויס פון אים א כבוד שמים, איז דאס די גרעסטע זכות פאר אים. אויף וואס לעבט א מענטש אויף די וועלט, כל מה שברא הקב"ה בעולמו לא בראו אלא לכבודו (אבות ו-יא). יעדער איד דארף זיך זארגן אז פון אים זאל ארויסקומען א כבוד שמים.

**המן** האט זוכה געווען ס'איז ארויסגעקומען פון אים א כבוד שמים, דער נס פון פורים. וואס אונז זיצן מיר היינט דא, און אזויפיל טויזנטער יארן וואס אידן זיצן שוין

צוזאמען וועגן דעם נס פון פורים, איז אלעס צו פארדאנקען פאר דעם המן. בני בניו של המן למדו תורה בבני ברק (גיטין נז:), ער האט זוכה געווען זיינע קינדער זענען געווען לומדי תורה. ווען א איד טוט פארין רבוש״ע, העלפט אים דער אייבערשטער אז ער איז זוכה אויפצושטעלן א אידישע שטוב. המן האט זוכה געווען אז זיינע קינדער זענען געווען לומדי תורה, ווייל ס'איז דורך אים ארויסגעקומען א כבוד שמים, א כבוד שמים ווערט נישט פארגעסן פונעם אייבערשטן.

**אחשורוש** איז דאך געווען דער עיקר פון די גאולה, האט ער האט זוכה געווען צו א שידוך אסתר המלכה, ער האט זוכה געווען צו א קינד דריוש, א קינד מזרע ישראל, ער האט געגעבן רשות שפעטער אויפצובויען דעם בית המקדש, דער גאנצער קרעדיט פונעם בית המקדש איז ארויסגעוואקסן דורך אחשורוש, כאטשיג קודם איז דאך געווען כתבי שטנה (עזרא ד׳), מתחלה האט ער צוריקגעהאלטן פון אויפבויען דעם בית המקדש, אבער ער האט זוכה געווען אז זיין קינד איז געווען דער וואס האט אויפגעבויעט דעם בית המקדש.

**ווען א איד טוט פארין אייבערשטן, באצאלט אים דער רבוש״ע, אפילו ווען ס'איז נישט בחייו, עס איז נישט ביי אים, אבער ביי זיינע דורות שפעטער דערקענט זיך עס.** ווען א איד וויל קוקן היסטאריע פון אידן, קוקט מען נישט אייביג אויף די פאקטן וואס איז געווען דעמאלטס, מ'דארף קוקן וואס ס'איז ארויסגעקומען דערפון שפעטער. ארויסגעקומען דערפון איז, אז אחשורוש האט אויפגעשטעלט א קינד וואס האט געגעבן רשות אויפצובויען דעם בית המקדש. די פיר הונדערט יאר עבודה וואס איז געווען אין בית המקדש, א געוויסע קרעדיט איז דאס דא פאר אחשורוש, ווייל ער האט געהאט א קינד דריוש וואס האט אויפגעשטעלט דעם בית המקדש. אין הקב״ה מקפח שכר כל בריה (פסחים קיח.)!, דער אייבערשטער טוט נישט צוריקהאלטן קיין שכר פון יעדן איד וואס טוט א דבר טוב. [כשנראה זבוב על השולחן נענה ואמר: וואס טוט א פליג דא אויף א אידישער טיש?!, עס שטייט דאך לא נראה זבוב בבית המטבחים (אבות ה-ה), אז עס איז דא זבוב, איז א סימן אז מען דארף זיך נאך מתקן זיין].

**מען** זאגט ביי די ברכה פון שבע ברכות אשר ברא ששון ושמחה חתן וכלה גילה רנה דיצה וחדוה אהבה ואחוה ושלום ורעות, אלעס לשונות פון שמחה. אחשורוש

איז געווען דער סימבאל וואס האט צוגעברענגט די ישועה פאר אידן, אחשורוש איז די ראשי תיבות, (אשר ברא) ש׳שון ו׳שמחה ח׳תן ו׳כלה א׳הבה וא׳חוה ש׳לום ור׳עות.

**לך** כנוס את כל היהודים, אחשורוש האט צוגעברענגט דערצו אז מ׳זאל צוזאמנעמען אלע אידן אינאיינעם. אסתר האט נישט געמיינט סתם צוזאמנעמען אלע אידן, ווען מ׳הייסט אלע אידן זאלן פאסטן, דארף מען זיי נישט צוזאמנעמען, מ׳הייסט יעדן איד וואו ער איז ער זאל פאסטן, אבער אסתר האט געזאגט, לך כנוס את כל היהודים, ס׳דארף זיין צווישן אידן אהבה ואחוה ושלום ורעות. אחשורוש האט דאס געברענגט, ששון ושמחה אהבה ואחוה ושלום ורעות. רבי מאיר דייק בשמא (יומא פג:), רבי מאיר האט דאך מדייק געווען אין די נעמען, אז ער הייסט אחשורוש, איז א סימן אז דאס איז געווען זיין ציל אין זיין לעבן. אלע הונדערט און זיבן און צוואנציג מדינות וואס ער איז געווען א מלך, דאס איז אלעס נאר געווען צוצוקומען צו דעם פוינט פון זיין לעבן. יעדער מענטש האט א נקודה אין זיין לעבן וואו ער דארף צוקומען, דאס איז דער שפיץ פונעם לעבן, און דער אייבערשטער טוט צוגרייטן פאר יעדן מענטש צוצוקומען צו זיין שפיץ פון זיין לעבן. אחשורוש׳ס שפיץ פון זיין לעבן איז געווען, דער לך כנוס את כל היהודים, ער האט צוגעברענגט אז ביי אידן איז געווארן ששון ושמחה אהבה ואחוה ושלום ורעות.

**וועגן** דעם, ווען ס׳האט פאסירט דער נס פון פורים וואס ס׳איז געקומען דורך אחשורוש, האבן די חכמים מתקן געווען אז די מצות פונעם יום טוב זאלן זיין, א ליבשאפט צווישן אידן. ס׳זאל זיין משלוח מנות איש לרעהו, ומתנות לאביונים, ווייל דאס איז דער שפיץ פונעם פורים, צוזאמברענגען אידישע קינדער אז זיי זאלן זיין אינאיינעם, ס׳זאל זיין ששון ושמחה און אהבה ואחוה ושלום ורעות וואס דאס איז די נקודה פונעםווארט ״אחשורוש״.

**[אחר** שזימרו הניגון ׳ויהי בימי אחשורוש׳]: און דאס איז דער פשט אין דעם פסוק (אסתר א-א) ויהי בימי אחשורוש, וואס עס האט פאסירט בימי אחשורוש, וואס דער אייבערשטער האט געמאכט דעם נס פון פורים, הוא אחשורו״ש, דאס ליגט אין די אותיות פון אחשורוש, ווייל אחשורוש דאס איז ששון ושמחה אהבה ואחוה ושלום ורעות.

*

**שטייט** אין מדרש (ב"ר נח-ג), מה ראתה אסתר שתמלוך על שבע ועשרים ומאה מדינה, זי האט זוכה געווען צו זיין א מלכה אויף הונדערט און זיבן און צוואנציג מדינות, תבוא בת בתה של שרה וואס זי האט געדינט דעם אייבערשטן הונדערט און זיבן און צוואנציג יאר, האט זי זוכה געווען צו אן אייניקל וואס איז געווען א מלכה אויף שבע ועשרים ומאה מדינה. די נקודה אחרונה וואס ליגט אין דעם איז, ווען א איד דינט דעם אייבערשטן, אסאך מאל גייט אדורך זיין לעבן, און ער זעהט נישט אז דער אייבערשטער האט זיך גערעכנט מיט וואס ער האט אויפגעטוען אין זיין לעבן, מען זעהט נישט אז דער אייבערשטער האט אים באצאלט, ער קען אמאל אוועקגיין פון די וועלט אן דעם וואס מען זאל זעהן אז ס'איז דא א חשבון אויף אלעם, אית דינא ואית דיינא, נישט אייביג זעהט מען עס. אבער ווען אונז נעמען צוזאם די גאנצע היסטאריע פון כלל ישראל, דעמאלטס זעהט מען די נקודה אז ס'איז אזוי.

**אונז** דארפן מיר צוזאמנעמען די מאמע שרה וואס איז געווען מיט טויזנטער יארן פריער, און דער אייבערשטער האט איר באצאלט א סך יארן שפעטער, ער האט נישט פארגעסן! שרה זיצט ביי זיך אין שטוב און דינט דעם אייבערשטן הונדערט און זיבן און צוואנציג יאר, און זי גייט אוועק דורך די עקידה, מקריב געווען א קינד פארן אייבערשטן און זי איז געשטארבן?!, זו תורה וזו שכרה, דאס איז דער שכר וואס דער אייבערשטער באצאלט פאר לומדי תורה?!, און די קשיא איז דעמאלטס געווען א שווערע קשיא. אבער אונז היינט האבן מיר נישט קיין קשיא, ווען אונז זעהן מיר אז דער רבוש"ע האט באצאלט פאר איר, אז פון איר איז ארויסגעקומען א אסתר המלכה, וואס דער אייבערשטער האט אזוי צוגעפירט, צו זיין א מלכה אויף הונדערט און זיבן און צוואנציג מדינות! נישט אויף הונדערט און זעקס און צוואנציג מדינות, נישט הונדערט און אכט און צוואנציג, פונקט הונדערט זיבן און צוואנציג מדינות, דער גוי אחשורוש וואס ווערט א מלך איז אלעם מיט א חשבון! ס'איז דא א באבע וואס האט געדינט דעם אייבערשטן הונדערט און זיבן און צוואנציג יאר, באצאלט דער רבוש"ע אז איר קינד ווערט א מלכה אויף הונדערט און זיבן און צוואנציג מדינות!

**נישטא** א זאך וואס דער אייבערשטער באצאלט נישט, נישט נאר אויף עולם הבא, דער אייבערשטער באצאלט פאר יעדן מענטש אין די וועלט אליין! נאר נישט אלץ אין זיינע יארן, **יארן יארן שפעטער באצאלט דער רבוש"ע פאר א זכות וואס א זיידע און א באבע האט געדינט דעם אייבערשטן ערליך, הצנע לכת, קיינער האט נישט געוויסט דערפון, און ס'קען אויסקוקן אז דער רבוש"ע באצאלט נישט בחייו אויף דעם וואס מען האט געדינט דעם אייבערשטן.** אוי, דער רבוש"ע האט א גרויסע וועלט, א לאנגע וועלט, אונז לעבן נאר הונדערט און צוואנציג יאר, זעהן מיר נישט קיין סך, אונז זעהן נאר א קליינע פיקטשער פון די וועלט, אבער כלל ישראל וואס לעבט איבער אלע זאכן, זעהט נאכדעם דעם המשך וואס פאסירט, אז ס'איז נישטא קיין זאך וואס ס'איז נישט אויסגערעכנט מן השמים וואס דער אייבערשטער האט אזוי צוגעפירט.

**מה** ראתה אסתר שתמלוך על קכ"ז מדינות, תבא בת בתה של שרה, אסתר ווען זי איז געווארן א קעניגן, איז דאס געווען מיט א חשבון פון טויזנטער יארן פריער. זי איז בת בתה של שרה, און איבער טויזנט יאר אדורך געגאנגען פון איר [איך האב נישט קיין קאלענדער יעצט אויסצורעכענען וויפיל יארן ס'איז געווען, אבער אסאך איבער טויזנט יאר איז געווען צווישן שרה מיט אסתר[א]], דער אייבערשטער איז נישט מקפח שכר כל בריה. זי האסט געדינט דעם אייבערשטן הונדערט און זיבן און צוואנציג יאר, מ'וועט עס באצאלן פאר דיין קינד, אז זי וועט זיין א מלכה אויף הונדערט און זיבן און צוואנציג מדינות.

**ס'געט א חיזוק פאר אונז, אונזערע קינדער, אונזערע אייניקלעך, דער אייבערשטער וועט אונז באצאלן! אפילו אונז זעהן מיר נישט אסאך מאל א שכר אויף אונזער עבודה וואס אונז טוען מיר אויף די וועלט, ווייל אונז זעהן נאר זייער א קליינער בילד פון די וועלט, זייער א קליינע און קורצע תקופה וואס ס'גייט אדורך פון די וועלט.** אבער ווען א מענטש קוקט אויפן גאנצן וועלט שפעטער, זעהט ער דערפון, אז דער רבוש"ע באצאלט פאר יעדן איינעם וואס ער האט געטוען. און אז מ'שטעלט צוזאם שרה מיט אסתר, זעהט מען אז ס'איז געווען איינס אקעגן דאס אנדערע.

---

[א] שרה נפטרה בשנת ב' אלפים פ"ד, ואסתר המלכה נלקחה לבית אחשורוש בשנת שבע למלכותו, בשנת ג' אלפים שצ"ט [אלף ושט"ו שנים אח"כ].

**רבי** עקיבא היה יושב ודורש וביקש לעוררם, ער האט געוואלט מעורר זיין אידן אז מ'זאל דינען דעם אייבערשטן, און מ'האט דאך קשיות, זו תורה וזו שכרה, מ'זעהט רשע וטוב לו, צדיק ורע לו, מ'זעהט א רשע גייט גוט, א צדיק גייט נישט גוט, מיט וואס קען מען מעורר זיין אידישע קינדער? אמר להם, האט ער זיי געזאגט, מה ראתה אסתר שתמלוך על קכ"ז מדינות, תבוא בת בתה של שרה וואס האט געדינט דעם אייבערשטן הונדערט און זיבן און צוואנציג יאר, דער אייבערשטער האט איר באצאלט מיט א אסתר. דער באשעפער באצאלט נישט תיכף, ער האט א לאנגע צייט, ער לעבט אויף שטענדיג, ביי אים איז אלף שנים כיום אתמול כי יעבור (תהלים צ-ד), וואס עס האט פאסירט מיט טויזנט יאר צוריק, איז אזויווי דער נעכטיגן טאג. ווען מ'באצאלט פאר א מענטש דריי טאג שפעטער, וואלט ער געוועזן צופרידן? יא. דריי טויזנט יאר איז ביים אייבערשטן אזויווי דריי טאג, ס'איז כיום אתמול כי יעבור, דער אייבערשטער באצאלט פאר יעדן איינעם, ווען א איד פירט זיך אויף ווי ס'דארף צו זיין, דינט דעם אייבערשטן, טוט דעם רצון פון באשעפער, נישט נאר אז דער אייבערשטער באצאלט אים בעולם הבא, נאר אשריך וטוב לך, אשריך בעולם הזה וטוב לך לעולם הבא, דער אייבערשטער באצאלט שכר אויף די וועלט אויכעט, אונז זעהן מיר דאס נישט אייביג, אבער אונזערע קינדער אונזערע אייניקלעך וועלן זוכה זיין צו זעהן וויאזוי דער אייבערשטער באצאלט.

**אלעס וואס מ'זעהט היינט, איז אלעס נאר א זכות פון אונזערע אבות וואס זיי האבן זוכה געווען צו דינען דעם אייבערשטן, וואס דער אייבערשטער האט זיי נישט באצאלט בחייהם, באצאלט זיי דער אייבערשטער שפעטער.** אבער דאס איז דער לימוד וואס אונז דארפן מיר אראפלערנען. ווען מ'לערנט די פרשה פון אחשורוש, און מ'זעהט אז אסתר האט מולך געווען אויף הונדערט און זיבן און צוואנציג מדינות, דאס דערמאנט אונז אז תבוא בתה של שרה וואס זי האט געדינט דעם אייבערשטן הונדערט און זיבן און צוואנציג יאר, געט עס אונז חיזוק צו וויסן אונז זאל מיר נישט נאכלאזן פון עבודת השם, נישט נאכלאזן פון דינען דעם אייבערשטען.

**ס'איז** דא א "פעי דעי"! א טאג וואס מען באצאלט. מען באצאלט עס נישט היינט, באצאלט מען עס מארגן, איבער-מארגן, אבער יבוא יומו. ס'וועט קומען דער טאג.

א בשר ודם קען שולדיג בלייבן פאר מענטשן, דער רבוש״ע בלייבט נישט שולדיג. ער האט זיין צייט, ס׳איז אזויווי די גאווערמענט, די גאווערמענט האט אויך צייט, ס׳יאגט זיך נישט, מיט וועם ס׳דארף זיך אפרעכענען רעכנט זי זיך אפ, דער רבוש״ע האט אויך צייט, און ס׳קומט די ריכטיגע מינוט באצאלט עם דער אייבערשטער.

**זאל** דער אייבערשטער געבן ונזכה ונחיה ונראה, מיר זאלן שוין זוכה זיין צו דערלעבן און צו זעהן. איך האב אמאל געהערט פונעם **סאטמארער רב זי״ע**, [ווען מ׳דערמאנט זיך צוריק, וואס מ׳האט זוכה געווען אמאל צו הערן, איך האב עס געהערט מפה קדשו, איבער פופציג יאר צוריק ביי שלש סעודות תורה], האט ער געזאגט ונזכה ונחיה ונראה, וואס איז דער ונראה, עס איז געזאגט ונזכה ונחיה ונירש טובה וברכה לשני עולם הבא. על פי דרכו האט ער געזאגט, ונראה, מ׳דארף זוכה זיין אז מ׳זאל האבן שכל צו זעהן, און קענען זיך אראפלערנען פון וואס מ׳זעהט, און קענען אפשאצן וואס מ׳זעהט, דאס איז א עקסטערע ברכה פאר זיך אליין, אויסער דעם ונזכה ונחיה אז מ׳וועט זוכה זיין מ׳וועט לעבן, ונראה, מ׳זאל זעהן, ונירש טובה וברכה לשני ימות המשיח.

**ס׳גייט** אדורך ימי הפורים, און מ׳זעהט וואס דער אייבערשטער האט באצאלט פאר די הונדערט זיבן און צוואנציג יאר וואס שרה האט געדינט דעם אייבערשטן, דאס איז א חלק פונעם ונראה. אונז זעהן מיר, שרה אמנו האט דאס נישט געזעהן, שרה אמנו האט נאר געזעהן אז זי האט זיך געפלאגט און געדינט דעם אייבערשטן און מ׳האט איר אוועקגענומען די קינד ביי די עקידה, דאס האט זי געזעהן און מער נישט, אבער אונז זעהן מיר מיט א מדריגה ווייטער, דאס איז אונזער "ונראה" וואס אונז זעהן מיר.

**זאל** דער אייבערשטער געבן ונזכה ונחיה ונראה ונירש טובה וברכה לשני ימות המשיח ולחיי עולם הבא, נישט אייביג איז מען זוכה אין חיי עולם הזה צו זעהן אלעס, אבער 'ונראה' דער אייבערשטער זאל געבן אונז זאלן מיר זעהן בחיים חיותינו וויאזוי דער אייבערשטער ווארפט נישט אוועק דעם כלל ישראל, ער באצאלט פאר יעדן איינעם גוטס וואס ער האט געטוען, זאלן מיר זוכה זיין צו זעהן די ישועה פונעם אייבערשטן שטענדיג, מיט אונזערע אייגענע אויגן.

# שיחה ב׳

**[אחר** הניגון אשרינו]: אשרינו מה טוב חלקנו ומה נעים גורלנו ומה יפה ירושתנו. מען זאגט עס יעדן טאג ביים דאווענען, ווי גליקליך זענען מיר, מה טוב חלקנו. אונז טראכטן נישט גענוג אריין וואס מען זאגט ביים דאווענען, ווי גוט איז אונזער חלק, ומה נעים גורלנו, ווי באַטעמיט איז אונזער גורל וואס אונז האבן זיך אויסגעקליבן, ומה יפה ירושתינו, ווי גוט איז די ירושה וואס דער אייבערשטער האט אונז איבערגעגעבן.

**אונז** טראכטן נישט אריין וואסערע גליקליכקייט אונז האבן אז דער אייבערשטער האט אונז איבערגעגעבן זיין תורה, אונז קענען מיר מקיים זיינע מצות, טוען א נחת רוח פאריך רבוש״ע, **ווי גליקליך דארף זיין א איד, דאנקען דעם אייבערשטן, שלא עשנו כמשפחות האדמה, שלא שם חלקנו עמהם, אונז לעבן מיר נישט ווי א גוי, מיליאנען מענטשן דרייען זיך ארום אויף דער וועלט, און זיי ווייסן נישט וואס זיי האבן צו טוהן אויף דעם עולם. פארוואס האט מען זיי באשאפן. זיי מיינען אז דאס לעבן פונעם מענטש איז, לעבן, און האנדלען וואנדלען, דאס איז דער גאנצער לעבן פונעם מענטש.**

**אשרינו** מה טוב חלקנו, אונז אידישע קינדער זענען נישט אזוי. יעדער איד ווייסט אז זיין לעבן איז מיט א חשבון פאריך רבוש״ע, און ער דאנקט דער אייבערשטן, **רבוש״ע מה טוב חלקנו, ווי גליקליך זענען אונז, אז דער אייבערשטער האט אונז געגעבן אונזער חלק אין זיין תורה, ומה נעים גורלנו, אשרינו שאנו משכימים ומעריבים בבתי כנסיות ובבתי מדרשות, ווי גליקליך זענען מיר, אונז קומען מיר יעדן טאג צופרי אין בית המדרש און אונז זענען מיר מייחד דעם אייבערשטן׳ס נאמען, אונז זענען מקדש שמו ברבים, אז דער אייבערשטער איז דער גאט פון די וועלט.** ס׳איז נישטא קיין שענערס און קיין בעסערס קיין גליקליכקייט אין לעבן מער פון דעם וואס אונז אידישע קינדער זענען מיר זוכה.

**יעדע מצוה וואס א איד טוט, איז א געוואלדיגער זכות, וואס ער איז זוכה צו טוען דעם רצון פונעם אייבערשטן. צו קענען זיין א עבד נאמן, א פשוטער עבד,**

**א פשוטער דינסט פאר'ן אייבערשטן.** דער אייבערשטער זאגט, נחת רוח לפני שאמרתי ונעשה רצוני (ספרי פנחס כח-ח), ווען א איד טוט פשוט וואס מ'דארף צו טוען, ער טוט דעם רצון פונעם אייבערשטן, ברענגט ער א נחת רוח פאר'ן רבוש"ע.

**וויפיל** איז ווערד א נחת רוח צו טוען פאר'ן רבוש"ע?, **מ'זאל בעטן פון אונז, צאל א פרייז און דו קענסט טוען א נחת רוח פאר'ן רבוש"ע... מ'זאל עס אויסאוקשענען אין בית המדרש, איך מיין ס'וואלט געווען די העכסטע אוקשע"ן וואס איז אמאל געווען. "איך קען טוען א נחת רוח פאר'ן אייבערשטן, איך צאל דערפאר כך וכך"! יעדער איד האט די מעגליכקייט צו טוען א נחת רוח פארן אייבערשטן.** יעדע מצוה וואס א איד טוט, יעדע דבר טוב וואס א איד טוט פאר'ן רבוש"ע, איך טוה עס וועגן דעם ווייל דער רבוש"ע האט אזוי געהייסן, טוט ער א נחת רוח פאר'ן אייבערשטן. וויפיל באצאלט דער רבוש"ע פאר א נחת רוח וואס מ'טוט פאר אים, ס'האט נישט קיין פרייז, עס האט נישט קיין ווערט וואס דער אייבערשטער באצאלט פאר א נחת רוח וואס א איד טוהט פאר אים.

**איך** וויל נאכזאגן א דבר נפלא וואס איך האב געזעהן אין **פנים יפות,** [איך בין געווען דאס יאר אויף זיין ציון, איך האף מיטן אייבערשטן'ס הילף אז מ'האט אויסגע'פועל'ט אלעס וואס מ'דארף צו האבן], ער זאגט א געוואלדיגע נקודה, וואס איך מיין אז ווען מ'וועט עס אריינגעמען אין זיך, וועט מען האבן אן אנדערע בליק אין זיין לעבן. מ'ווייסט אז ווען מ'קומט צו א איד צו בעטן צדקה, קומט נישט אן אזוי גרינג, אז א מענטש זאל נעמען זיין געלט און אוועקגעבן פאר א עני, אוועקגעבן פאר א דבר טוב, איך האב מיך געפלאגט אויף דעם געלט, ס'איז מיר נישט גרינג אנגעקומען, נעמען מיין געלט און אוועקגעבן פאר א צווייטן... ס'איז נישט אזוי גרינג. והא ראיה אז ס'איז נישט אזוי גרינג, ווייל מען זעהט ביי די אומות העולם, ביי די גוי'אישע וועלט, אז ס'איז נישטא אזא זאך, ער געט צדקה, אבער נאר א קליין חלק פון זיין פארמעגן.

**איך** האב אסאך מאל נאכגעזאגט, איך האב געזעהן אמאל פון א פרעזידענט, היינט איז דאך אלעס אפען, מ'געט ארויס זיינע ביכער פונקטליך וואס ער האט געטוען, זיין צדקה וואס ער האט געגעבן איז ניטאמאל איין פראצענט פון וואס ער

האט פארדינט. א גוי, א פרעזידענט, די איין פראצענט וואס ער געט, געט ער שוין אויך מיט א חשבון, אז מ'וועט פארציילן אין די בלעטער אמאל וואס ער האט געטוען. אידישע קינדער געבן אוועק אזויפיל געלט פאר צדקה, אזויפיל פארמעגן איז פארטיילט געווארן דעם היינטיגן טאג פורים, ס'לאזט זיך גארנישט זאגן וואס אידן האבן געטוען פארין רבוש"ע. א מענטש אליין איז אמאל נישט מחשיב די חשיבות פון זיין צדקה וואס ער געט.

**אבער**, איך וויל ארויסברענגען א געוואלדיגע נקודה, מ'זאל פרעגן א איד, נאכדעם וואס ער האט געגעבן צדקה, אפילו הונדערט דאלער, איך רעד נישט ווען ער געט טויזענטער'ס, נאר אפילו הונדערט דאלער, און זאג אים: איך וויל ביי דיר אפקויפן די צדקה וואס דו האסט געגעבן, איך געב פאר דיר צוויי הונדערט דאלער דערפאר. אין גם אחד, וואס וועט גרייט זיין און זאגן: געב מיר צוויי הונדערט דאלער, און איך פארקויף דיר די זכות פון צדקה וואס איך האב געגעבן! פארוואס נישט?, ווען ס'קומט פארין געבן, האט ער דאך אזויפיל שוועריקייטן ביז ער געט עס, און ער איז נישט גרייט אוועקצוגעבן די הונדערט דאלער פאר יענעם, פארוואס שפעטער ווען ער האט געגעבן די צדקה איז פאר כל הון דעלמא וועט ער עס נישט אוועקגעבן.

**פארוואס**, ווייל דער יצר הרע שטערט א מענטש ווען ס'קומט צו טוען א מצוה, און א מענטש איז א בשר ודם, ער האט ליב זיין געלט, און ס'איז דא א יצר הרע וואס איז מפתה, ס'איז נישט אזוי וויכטיג דער צוועק, דארפסט נישט געבן, ס'איז נישט אזוי וויכטיג, ס'וועט זיין גוט אן דעם... האלט ער אים צוריק פון צו געבן. אבער נאכדעם וואס ער האט דאס געגעבן, וועט ער פאר כל הון דעלמא נישט אוועקגעבן דעם זכות פון צדקה וואס ער האט געגעבן.! מ'זאל אים צוזאגן א מיליאן דאלער פאר די הונדערט דאלער וואס ער האט געגעבן, וועט ער זאגן איך פארקויף עס נישט! איך האב געגעבן, ס'איז שוין דערנאך, דער נסיון איז שוין אדורכגעגאנגען, איך האב עס שוין געגעבן, איך וועל נישט פארקויפן די צדקה פאר קיין שום פרייז אויף דער וועלט!

**פארוואס** בעפאר מ'האט דאס געגעבן איז דאס געווען אזוי שווער צו געבן, און נאכדעם וואס דו האסט עס געגעבן, איז פאר א מיליאן דאלער געסט עס נישט

אוועק?, ווייל ער ווייסט דעם אמת, **אז דער זכות פון צדקה איז זייער גרויס. דו וועסט מיר געבן א מיליאן דאלער פאר מיין זכות צדקה?!, מיין זכות פון צדקה איז מער ווערד פון א מיליאן דאלער! דו קענסט מיר נישט באצאלן וואס איך האב געטוען גוטס, דאס איז אשריך בעולם הזה וטוב לך בעולם הבא.** נאר בשעת מ'געט עס קומט עס אן שווער, ווייל דער יצר הרע שטייט דארטן און טוט צוריק האלטן דעם מענטש פון צו געבן. איינמאל אז ער האט געטוען א מצוה, וועט ער נישט אוועקגעבן די מצוה פאר כל הון דעלמא, וויפיל געלט אויף דער וועלט ס'איז דא, וועט ער דאס נישט אוועקגעבן, ווייל ער פארשטייט די חשיבות פון א מצוה.

**זאגט דער הייליגער פנים יפות** (אין פרשת ראה) נתון תתן לו (דברים טו-י), בשעת דו געסט צדקה, באטראכט עס אזוי ווי דו וואלסט עס שוין געגעבן פון פריער, דעמאלטס וואלסטו עס נישט פארקויפט פאר כל הון דעלמא, פארקויף עס יעצט אויך נישט! לאז דיך נישט איבערעדן יעצט אז ס'איז דיר שווער צו געבן די געלט פאר צדקה, ס'איז נאר דער יצר הרע וואס שטערט דיך אז דו זאלסט עס נישט אוועקגעבן. ווייל דו אליין, א טאג שפעטער ווען מ'וועט דיך בעטן צו פארקויפן די מצוה פון צדקה, וועסטו עס נישט אוועקגעבן פאר כל הון דעלמא.

**זאגט** דער הייליגער פנים יפות זי"ע ועכ"י, [דער רבי פון **הייליגן חתם סופר**, אה, אונז האבן מיר נישט קיין השגה אמאליגע אידן וויאזוי זיי האבן געטראכט, און זענען געווען אזוי גרויס. נאך א מזל זיי האבן געשריבן זייערע ספרים זעהט מען עכ"פ פון דעם וויאזוי זיי האבן געלעבט, און מיט וואס פארא מחשבות זיי זענען ארומגעגאנגען. יעדעווארט פון זיי איז משיב הנפש, עס דערקוויקט דעם נפש, ס'ברענגט צוריק צו טראכטן וויאזוי אמאליגע אידן האבן געטראכט] נתן תתן לו, ס'שטייט נישט תתן לו, דו זאלסט אים געבן, נאר בעפאר דו געסט אים, בעפאר דעם "תתן לו", "נתן" באטראכט ווי דו האסט עס שוין געגעבן. ווען דו האסט אים שוין אוועקגעגעבן דאס געלט און מ'זאגט דיר יעצט, איך קויף עס ביי דיר צוריק, וועסטו זאגן דאס געב איך נישט אוועק פאר כל הון דעלמא, אזוי "תתן לו", אזוי זאלסטו געבן. טראכט נישט בשעת דו געסט עס וויאזוי ס'קוקט אוים יעצט, טראכט וויאזוי דו וועסט עס אנקוקן איבערמארגן, דו האסט שוין אפגעגעבן די צדקה און מ'בעט פון דיר אז דו זאלסט עס פארקויפן, ניין! איך בין נישט מסכים!

**ווייל**, ולא ירע בתתך לו, נאכדעם וואס דו האסט דאס שוין געגעבן, לא ירע לבבך, וועט דיין הארץ נישט וויי טוען דערויף, דו וועסט עס נישט אוועקגעבן פאר כל הון דעלמא, אזוי זאל זיין "נתן" "תתן לו", בשעת דו געסט עס טראכט עס אז "נתן" כאילו דו האסט עס שוין געגעבן.

**דאס** איז נישט נאר ביי צדקה, נאר ביי יעדע מצוה איז אזוי. אפילו לימוד תורה, **ס'קומט אמאל אן שוועהר צו גיין אין בית המדרש און לערנען דעם שיעור וואס ער דארף לערנען היינט. נאכן שיעור ווען מ'זאל אים זאגן, פארקויף מיר דעם שיעור..., וועט ער זאגן ניין, דאס פארקויף איך נישט! כל הון דעלמא געב איך נישט אוועק דערפאר. פאר'ן שיעור האסטו דאס אוועקגעגעבן פאר פופציג דאלער, אדער פשוט פאר נאכלעסיגקייט, דו ביסט מבטל פון דיין שיעור אפילו פאר א קליינינקייט, אבער נאכן שיעור וואלסטו עס נישט אוועקגעגעבן פאר כל הון דעלמא.**

**א** איד פאר ער גייט צו צו א מצוה, דארף ער טראכטן כאילו איך וואלט שוין געטוען די מצוה, וואלט איך דאך דאס נישט אוועקגעגעבן פאר כל הון דעלמא, אזוי דארף זיין בשעת ער גייט טוען די מצוה. - נתן תתן לו, בשעת דו געסט אים, טראכטן וויאזוי דו וועסט עס קוקן "נתן" ווען דו האסט עס שוין געגעבן, וואס דעמאלטס וועל איך עס נישט אוועקגעבן פאר קיין שום כל הון דעלמא.

**און** איך מיין אז דאס איז דער פשט, אחור וקדם צרתני ותשת עלי כפך (תהלים קלט-ה), דער אייבערשטער האט אונז געגעבן אין די הענט די מצוה פון צדקה, ותשת עלי, דו האסט ארויפגעלייגט אויף מיר, כפיך, נעם דיין הענט און געב צדקה. אחור וקדם צרתני, זאגט דער אייבערשטער, טראכט נישט וויאזוי ס'קוקט אויס יעצט בשעת דו געסט עס, נאר "אחור", וויאזוי דו וועסט עס אנקוקן שפעטער, שפעטער וועסטו הנאה האבן. לאמיר פרובירן צוריק צוקוקן אויף אלע אונזערע צדקות וואס אונז האבן מיר געטוען פאריאהר, נו ווער וויל עס פארקויפן?! קיינער! איך האב עס שוין געטוען, איך בין שוין אדורכגעגאנגען דעם נסיון, איך האב שוין צעבראכן דעם יצר הרע, איך האב עס שוין געגעבן, איך גיי נישט אוועקגעבן וואס איך האב געטוען פאר'ן אייבערשטן. פאר כל הון דעלמא וועט א איד נישט אוועקגעבן א מצוה וואס ער האט מקיים געווען.

**אזוי** דארף זיין "קדם", בשעת דו האלסט פאר די מצוה, טראכט, דעם "אחור", אמת ס'קומט מיר אן שווער אוועקצוגעבן יעצט, אבער נאכדעם וואס איך האב געטוען דעם רצון פונעם אייבערשטן וועל איך דאך זיין צופרידן, ווייל ס'איז נישטא קיין בעסערס ווי צו טוען דעם רצון פונעם אייבערשטן[ב].

**אשרינו** מה טוב חלקנו ומה נעים גורלנו ומה יפה ירושתינו, דו זאגסט עס אליין יעדן טאג בשעת דו שטעלסט זיך דאווענען, ווי גליקליך זענען אונז, און ווי דאנקבאר זענען אונז פארן אייבערשטען, אשרינו, אשרינו, אשרינו מה טוב חלקינו....

# שיחה ג'

**ס'איז** געווען א איד וואס האט געהייסן **רבי אליי ראטה**, ער איז געווען א גבאי ביי **רבי שלמה'קע זוועהילער** זי"ע ועכ"י, ס'איז דא א ספר אויף אים וואס הייסט "איש חסיד היה", מען באשרייבט א חסיד פון א רביין. געוועגליך ביי א רבי, זענען די נאנטע מענטשן נישט קיין חסידים, ווייל זיי קענען אלעם ארום און ארום, ממילא זעהן זיי וואס דער רבי איז. דער ר' אליי 'איש חסיד היה', כאטשיק ער איז געווען א גבאי ביי א רביין, דעסטוועגן דאך האט ער געהאלטן פון זיין רביין.

**דער** ר' אליי איז געווען א איש חסיד באמת, א ווארימער חסידישער איד. איך בין געווען שבת אין פרעשבורג[ג] (שב"ק משפטים העעל"ט), און הרה"ג רבי אהרן טויסיג שליט"א, א אדם חשוב מאוד, האט פארציילט דארטן, אז דער ר' אליי האט

[ב] מרן שליט"א האריך בענין זה בדרשת פרקי אבות פרשת אמור שנת תשע"ח לפ"ק.

[ג] בעריכת השולחן כאשר נסוב השיחה ע"י הר"ר שרגא בלומענבערג הי"ו אודות המסע קודש עם נגידי ותומכי מוסדותינו הק' לעיר פרעשבורג, אמר מרן: קיינער האט נישט דערלייגט פון די וואס זענען מיטגעקומען דארט. איך האב געפועל'ט א ישועה דארט, וואס לאנגע יאהרן האב איך געווארט דערויף, א פערזענליכע ישועה, געלויבט דער אייבערשטער אז איך האב עס געפועל'ט דארט, און איך בעט דעם אייבערשטען אז עס זאל זיך קיינמאל נישט אפטוהן פון מיר ווייטער...

געוואוינט אין זייער געגענט. [און זיין ברודער האט אים שטענדיג מחזק געווען אז ער זאל זיך דרייען ביי דעם ר' אליי און ער האט גרויס הנאה געהאט, פופציג יאר שפעטער ווען מ'פארציילט עס איז עס אנדערש ווי בשעת מעשה, ער האט א גרויסע טובת הנאה געהאט, פון דעם וואס ער האט זיך געדריידט ביי אים].

**איך** וויל נאר נאכזאגן א ווארט, וואס דער רבי אהרן [טוסיג] האט געהערט פון רבי אליי דעמאלטס, אז דער ר' אליי איז אמאל געווען ביים **בית ישראל**, ביים **הייליגן גער'ער רבי'ן זי"ע** [געלויבט דער אייבערשטער איך האב נהנה געווען צו זיין במחיצתו] האט אים דער בית ישראל געפרעגט: דו קענסט דעם **סלאנימער רבי'ן** [בעל ברכת אברהם]?, ער האט אים אזוי מפליא געווען, דו ווייסט וואספארא אדם גדול ער איז, פארציילט אים דער בית ישראל, אז ער איז געווען היינט אויף א אסיפה מיטן סלאנימער רבי'ן, און מיטן **וויזשניצער רבי'ן** (דער אמרי חיים), דער בית ישראל איז געזעסן אויף איין זייט, סלאנימער רבי איז געזעסן נאכדעם, און נאכדעם איז געזעסן דער וויזשניצער רבי זי"ע ועכ"י, און ווען דער בית ישראל האט עפעס גערעדט צום וויזשניצער רבי'ן, האט ער געדארפט רעדן איבער דעם סלאנימער רבי'ן, האט ער גערעדט אן ענין וואס מ'דארף שוקל זיין וואס צו טוהן.

**נאכדעם** פרעגט דער בית ישראל דעם סלאנימער רבי'ן, וואס ער זאגט צו דעם ענין?, זאגט אים דער סלאנימער רבי, איך האב נישט געהערט פון וואס מ'רעדט. פרעגט ער אים איר האט נישט געהערט פון וואס מ'רעדט?!, איך האב דאך גערעדט אקעגן אייך. האט אים דער סלאנימער רבי געזאגט, ווען איך בין געווען א קינד, האט אמאל מיין טאטע גערעדט עפעס מיט מיין מאמע, און איך האב געוואלט הערן, אבער זיי זענען ארויסגעגאנגען אין די אנדערע שטוב אז איך זאל נישט הערן וואס מ'רעדט. איך בין דאך געווען א קינד און איך בין געווען נייגעריג, האב איך זיך אויפגעשטעלט פון די אנדערע שטוב צו הערן פון דעם פענסטער וואס מ'רעדט דארטן, און דער טאטע האט דאס באמערקט. איז דער טאטע ארויסגעקומען צו מיר און ער האט מיר געזאגט: ווען טאטע און מאמע רעדן עפעס, מ'רעדט נישט א זאך וואס איז נוגע פאר דיר, דארף מען נישט הערן וואס מ'רעדט. **זייט דעמאלטס האב איך מקבל געווען אויף מיר, אז ווען מ'רעדט עפעס א זאך אקעגן מיר און מ'זאגט עס נישט פאר מיר, הער איך נישט וואס מ'רעדט!** איר האט גערעדט צום וויזשניצער רבי'ן אונטער מיין רוקן, נישט צו מיר דירעקט, האב איך נישט געהערט וואס מ'האט גערעדט!

**דער** בית ישראל, איז געווען אזא באַטעמ׳טער איד, איך רעד צו מענטשן וואס האבן אים נישט געקענט, וואס קוקן אן די היינטיגע רבי׳ים וכדומה, איך רעד נישט צו מיין קאפ-אוו-טי ווי מ׳זאגט עס, נאר פון אנדערע סארט אידן וואס איך נאך געקענט. אבער איך פריי זיך, און איך האב הנאה אז איך קען איבערגעבן פאר ענק, עטץ זאלטס וויסן וויאזוי אמאליגע אידן האבן זיך אויפגעפירט, און וויאזוי זיי האבן געהערט, און וויאזוי זיי האבן גערעדט. דער הייליגער בית ישראל האט מפליא געווען די דיבורים, אז ס׳איז דא א איד אויף דער וועלט וואס ער הערט נישט! אז מ׳רעדט נישט צו אים, הערט ער נישט! [היינט איז דא אסאך אזעלכע אידן וואס האבן מדריגות אז מ׳רעדט נישט צו זיי הערן זיי נישט...], איך האב א געוואלדיגע הנאה געהאט פון די מעשה וואס ער האט פארציילט.

**האב** איך געזעהן אין זיין ספר ״איש חסיד היה״ וואס ער זאגט, מ׳איז מתפלל פאר מ׳זאגט תהלים, ס׳זאל זיין נחשב פארין אייבערשטן כאילו אמרם דוד המלך ע״ה, מיר האבן נישט קיין בעסערע צוגלייך, איך דער פשוטער איד זיץ דא אין בית המדרש, רבוש״ע הער מיין תפלה כאילו אמרם דוד המלך ע״ה, ווי קומסטו צו בעטן אז ס׳זאל זיין כאילו אמרם דוד המלך ע״ה?

**דער** ר׳ אליי איז דאך געווען א חסידישער איד, אזא תורה פאסט פאר א חסידישער איד. האט דער ר׳ אליי געזאגט אזוי: ס׳איז געווען אמאל א מלך וואס האט געהאט א גוטער פריינד, און ער פלעגט שרייבן בריוון פארין מלך, און דער מלך האט זיך שטארק משתעשע געווען מיט די בריוון וואס מ׳האט אים געשריבן. דער גוטער פריינד איז געשטארבן, דער מלך האט אויפגעהערט צו באקומען די בריוון וואס ער פלעגט באקומען. דער מלך האט זיך זייער געבענקט, איך פלעג באקומען יעדע וואך אזא שיינע בריוו פון אזא גוטן פריינד און איך האב עס אויפגעהערט צו באקומען. וואס האט דער מלך געטוען, ער האט געזאגט, איך האב פארלוירן דעם גוטן פריינד פון וועם איך האב באקומען דעם בריוו, נעמטס אפיר די אלטע בריוון וואס זענען דא אין דעם בית המלך און הייבטס עס מיר אן פארצולייענען. יעדן טאג האט מען אים פארגעליינט אן אנדערן בריוו וואס דער פריינד האט געשריבן, און דער מלך האט געהאט אזא הנאה פון די בריוון וואס מ׳האט אים פארגעליינט, כאילו דער מענטש וואלט געלעבט און ער וואלט אים געשריבן אזא בריוו.

**האט** דער הייליגער ר׳ אליי געזאגט, דוד המלך האט געשיקט פארן רבוש״ע יעדן טאג א פרישן בריוו, א פרישן מזמור וואס ער האט ארויסגעברענגט די גדולות ותשבחות פונעם רבוש״ע וואס אונז קענען מיר נישט ארויסברענגען. אונז קענען נישט צוזאמשטעלן די טייערע פערל ווערטער פארן רבוש״ע. דוד המלך האט צוזאמגעשטעלט בריוון וואס ער האט געשיקט פארן רבוש״ע. דוד המלך איז נסתלק געווארן, ער זאגט נישט מער קיין שירות ותשבחות פארן אייבערשטן. זאגט דער רבוש״ע, איך קען נישט מער באקומען קיין נייע בריוון, ליינטס מיר פאר די בריוון וואס דוד המלך האט מיר געזאגט. בעטן מיר פונעם רבוש״ע, בשעת אונז זאגן מיר תהלים, ס׳זאל זיין כאילו אמרם דוד המלך ע״ה. ווי דוד המלך האט דאס יעצט געזאגט פארן אייבערשטן. אונז נעמען מיר אריבער די אלטע בריוון וואס דוד המלך האט געשריבן פארן אייבערשטן, און די שירות ותשבחות זאגן מיר פארן רבוש״ע. עד כאן דברי ר׳ אליי.

**איך** וויל באוואונדערן, וואס ר׳ אהרן טויסיג האט דעמאלטס געזאגט, איך האב געהאט א ברודער וואס ער האט מיר געזאגט, אז איך זאל מיך שטענדיג דרייען ביי דעם ר׳ אליי, ווייל איך קען הערן פון אים גוטע זאכן. און דאס [העובדא עם הבית ישראל מגור זצ״ל] איז פון די זאכן וואס איך האב געהערט פון ר׳ אליי, און איך בין מכיר טובה פאר מיין ברודער וואס האט מיך צוגעשטעלט דערצו איך זאל הערן פון ר׳ אליי די ווערטער.

**די** נקודה איז ביי מיר אסאך חשובער פון וואס ר׳ אליי האט געזאגט. **א ברודער האט געהאט שכל צו זאגן פאר אן אנדערן ברודער, דריי דיך ביי די פריערדיגע ערליכע אידן, דו קענסט פון זיי דערווישן זאכן וואס איז נישט עובר לסוחר, וואס מען הערט נישט יעדן טאג. אן עלטערער איד האט אין זיך זאכן וואס איז נישטא ביי דעם אינגערן דור, און ס׳איז כדאי זיך צו דרייען ביי זיי, פשוט צוהערן וואס זיי האבן געהערט ביי פריערדיגע גוטע אידן.** האט ער געשיקט דעם ברודער, הער ביי ר׳ אליי וואס ער פארציילט דיר. ער וועט דיר פארציילן זאכן וואס ס׳איז א ״דיסקענטינונג נומבער״, מ׳הערט נישט היינט. און אז ער האט געהאט שכל און ער האט זיך געדרייט ביי ר׳ אליי, האט ער דאס מקבל געווען ביי פון אים, און ער האט דאס פארציילט שפעטער, און איך זיץ דא אין אמעריקא און איך פארצייל איבער וואס ער האט געהערט, און איך האף אי״ה אז די אידן וואס האבן דאס געהערט וועלן עס קענען איבערפארציילן שפעטער פאר די קינדער.

**זעהט** מען וואס דאס מיינט מקבל זיין א זאך פון פריערדיגע דורות, און עס איבערגעבן שפעטער פאר זייערע קינדער.

*

**איך** האב געטראכט אן אנדערע נקודה וואס אונז בעטן מיר כאילו אמרם דוד המלך ע״ה, ווי קומט עס א בשר ודם זאל בעטן, ס׳זאל ווערן גערעכנט פאר דיר כאילו דוד המלך האט דאס געזאגט? איך האב געזעהן שטיין, אין ספר **יפה שיחתן** (ח״ב אות שלח), פון דער רב אין לאנדאן, **רבי אלחנן היילפרין** זכרונו לברכה, ער איז באמת געווען א איש חסיד, ער האט זיך מטריח געווען אראפשרייבן זאכן וואס ער האט געהערט במשך זיינע יאהרן פון ערליכע אידן. ער איז געווען אן אייניקל פונעם **ראדומישלער רב** ז״ל, האט ער פארציילט, אז דער ראדומישלער רב האט אסאך מאל נאכגעזאגט א ווארט פונעם **לב שמח**. דער לב שמח איז געווען אן איידעם ביים **ערשטן בעלזער רב זי״ע**. אונז זאגן מיר ביי נשמת, שועת עניים אתה תשמע, דער אייבערשטער הערט די געבעט פון עניים, צעקת הדל תקשיב ותושיע, די געשריי פונעם דל, הערט ער צו, און העלפט. מ׳הייבט אן מיט א לשון רבים, שועת ׳עניים׳ אתה תשמע, וואלט געדארפט צושטיין צעקת ׳הדלים׳ תקשיב ותושיע, [זייטס שטיל, עטס הערטס עס נישט א גאנץ יאר פון מיר, א גאנץ יאר פרוביר איך זיך נישט ארויסצוגעבן, פורים רעדט מען אנדערש ווי מ׳רעדט א גאנץ יאר, און די ווערטער פון פורים דארף מען מער מקבל זיין, ווייל מ׳פארציילט אמאל פון פריער׳דיגע ערליכע אידן, און ס׳איז אן אנדערע בחינה פון וואס מ׳רעדט בדרך כלל].

**האט** דער ראדומישלער רב געזאגט, און ער פלעג עס כמה פעמים נאכצוזאגן. — א זאך וואס א צדיק זאגט נאך כמה פעמים איז, ווייל האט ער א געפיל אין די זאך, וועגן דעם זאגט ער דאס נאך מערערע מאל. — צעקת הדל תקשיב ותושיע, דוד המלך האט זיך אנגערופן א דל, א עני ואביון, ווי מ׳זאגט יעדן טאג ביים דאווענען תפלה לדוד וגו׳ כי עני ואביון אני. איך וויל ארויסברענגען די נקודה, אהו! עס איז א הייליגע נקודה, א הייליגע נקודה, איך מיין ס׳וועט ענק געבן אסאך חיזוק פאר אידישע קינדער בשעת זיי דאווענען. האט ער געזאגט אזוי, אז די גמרא זאגט (יבמות צז.), בשעת א איד איז מזכיר א דבר תורה פון יענעם איז שפתותיו דובבות בקבר, יענער לעבט שוין נישט, אבער שפתותיו דובבות, ער הייבט אן צו רעדן

אינעם קבר. ווען א איד זאגט תהלים, הייבט דוד המלך אן צו רעדן אין תהלים, וואס דו זאגסט, זאגט דוד המלך אין זיין קבר. שטעלטס ענק פאר, ווען מיר זאגן **תהלים פאר'ן אייבערשטן, אונז בעטן מיר רבוש"ע חננו ועננו ושמע תפלתינו, רבוש"ע איך בעהט דיך אויף דעם און אויף יענעם, ווי די אלע תפלות וואס ס'איז דא אין תהלים. נישט דו אליין זאגסט עס, נאר בשעת דו זאגסט די ווערטער פון דוד המלך אין תהלים, זאגט דוד המלך אין זיין קבר די זעלבע ווערטער וואס אונז זאגן מיר, ווייל שפתותיו דובבות בקבר! אין זיין קבר רעדט ער די ווערטער וואס אונז זאגן מיר!**

**אונזערע** תפילות איז נישט כדאי אז דער רבוש"ע זאל צוהערן. אונז האבן מיר נישט דעם כח צו פארלאנגן אז דער אייבערשטער זאל צוהערן אונזערע תפילות. אבער דוד המלך'ס תפילות, אה, ווי האט דער רבונו של עולם נאך געהאט אזא נעים זמירות ישראל, אזא הייליגער איד ווי דוד המלך, וואס דוד איז חי וקים לעולם, אונז האבן מיר נישט קיין השגה אין זיין קדושה. ווען א איד שטעלט זיך און זאגט תהלים, ער ענדיגט גאנץ תהלים, האט דוד המלך מיט אים מיטגעזאגט גאנץ תהלים! אז דוד המלך זאגט גאנץ תהלים צוזאמען מיט דיר... ביסטו אין גוטע הענט! ביסט רוהיג! איך קען נישט מתפלל זיין פאר מיר, דוד המלך דאווענט מיט מיר צוזאמען, ער זאגט די תהלים צוזאמען מיט מיר. ווען דו דאווענסט פסוקי דזמרה יעדן טאג, הייבסט אן יהי כבוד ה' לעולם און דו ענדיגסט ביז ויברך דוד את ה', איז אלעס ווערטער וואס דוד המלך זאגט מיט דיר צוזאמען, ווי חשוב איז ווען אונז קענען מיר מעורר זיין דוד המלך, "דאווען צוזאמען מיט אונז"! ס'איז נישטא קיין שענערס קיין בעסערס.

**רבוש"ע, אונזערע תפילות זענען נישט כדאי דו זאלסט מקבל זיין, אבער דוד המלך האט דאך געבעטן צוזאמען מיט אונז! דוד המלך'ס תפילות זענען אוודאי חשוב, ס'איז כדאי אז דער רבוש"ע זאל צוהערן אונזערע תפילות!**

**זאגט** דער לב שמח, שועת עניים אתה תשמע, דער אייבערשטער הערט צו די שועת פון די עניים, ווייל צעקת יהדלי, די צעקה פון דוד המלך וואס ער האט זיך גערופן דל, תקשיב ותושיע, בשעת א איד דאווענט, דאווענט דוד המלך צוזאמען מיט אים מיט. אונזערע תפילות זענען נישט חשוב, דוד המלך'ס תפלות זענען חשוב.

**ס'איז** דא א ספר **אמרי יהודה** [להרה"ק רבי לייבוש] פון בערזאן, שרייבט ער אין פרשת יתרו (דף רסא), א איד איז נישט מחשיב זיינע תפילות, איך האב געדאווענט..., דער רבוש"ע קען מיך זייער גוט, ער קען מיך צו גוט, איך זאל האבן עפעס אויפגעטוען מיט מיין דאווענען?! מיין תפילה זאל עפעס אויפטוען א רושם?! דו זאלסט וויסן אז ווען דו דאווענסט, האסטו אויפגעוועקט די אנשי כנסת הגדולה פון זייער קבר און זיי האבן מיט דיר מיטגעדאווענט, זייערע תפילות זענען זייער חשוב פאר'ן אייבערשטן! וואס דער אייבערשטער קען טרעפן אויף די וועלט[ד]. שועת עניים אתה תשמע, דער אייבערשטער הערט צו די שועת עניים, פארוואס, ווייל צעקת הדל, די צעקה פון דעם דוד המלך וואס ער האט זיך גערופן "דל", תקשיב ותושיע, הערסטו דעמאלטס אויס.

**אוי** רבוש"ע עס געט אונז אזויפיל חיזוק, אזויפיל עידוד, אזויפיל אומץ, אונז זענען מיר טאקע נישט ווערד אז אונזערע תפילות זאלן אנגענומען ווערן פאר'ן אייבערשטן. אבער איך דאווען נישט אליין! ווען איך דאווען, דאווענט דוד המלך צוזאמען מיט מיר! אז מ'זאגט א דבר שמועה מפיו איז שפתותיו דובבות בקבר, טוט זיינע ליפען רעדן אין קבר. וועגן דעם בעט מען נאכדעם אין דעם יהי רצון, ס'זאל זיין גערעכנט פאר דיר כאילו אמרם דוד המלך ע"ה, דאס איז נישט אזא שיינער פזמון, נאר ס'איז כאילו אמרם דוד המלך ע"ה בפועל, אונז וועקן מיר אויף דוד המלך פון זיין קבר, און ער אליין זאגט דעמאלטס מיט אונז די תפילות.

**אונזערע** תפילות איז נישט ווערד אז דו זאלסט מקבל זיין, אבער וואס אונז האבן מיר אויפגעוועקט דוד המלך, און ער האט געזאגט די תפילות, דאס איז זייער חשוב, און זיינע תפילות זאל דער אייבערשטער מקבל זיין. שועת עניים אתה תשמע, דער אייבערשטער הערט צו די שועת פון אונז ארימע מענטשן, ארעם בדעת, ארעם במצוות, ארעם במעשים טובות, אונז זענען מיר עניים, אבער צעקת הדל תקשיב ותושיע, אין די זעלבע צייט הערט ער צו די צעקה וואס דוד המלך איז מתפלל פאר אונז.

---

[ד] וזה לשונו, שמעתי בשם **הקדוש מסטרעליסק** זי"ל, ששמע מחסיד אחד שאמר אחר התפלה לחבירו, שהתפלה שהתפלל היום אינה שוה בעיניו רק כפרוטה ודבר מועט. והקפיד הרבה על זה, ואמר שוטה, אף על פי שלא התפללת בכוונות הנצרכות לאדם, אבל בזה שאמרת דבר שאמרו אנשי כנסת הגדולה, בזה דובב שפתי ישנים, ושפתותם דובבות בקבר, והם מתפללים שם, והתפללו בכוונות הראויות, ונמצא שאתה גרמת לזה עכ"ל.

**ווען** א איד שטעלט זיך דאווענען, זאל ער ווייסן, דו דאוונסט נישט אליין, דו ביסט מעורר דוד המלך זאל מיט דאווענען צוזאמען מיט דיר. מיינע תפילות זאג איך נישט אז עס איז ראוי מקבל צו זיין, אבער שפתותיו דובבות בקבר, דו הערסט דאך דעמאלטס וויאזוי דוד המלך דאווענט און איז מתפלל פאר דיר, זיינע בריוו'ן וואס ער שיקט פאר'ן אייבערשטן האט דאך א געוואלדיגן חשיבות.

**שרייבט** דער אמרי יהודה, אמת, א מענטש קען טראכטן אז זיין תפילה איז גארנישט ווערד, אבער ס'איז דאך שפתותיו דובבות בקבר, אין די צייט וואס דו דאווענסט דאווענט די אנשי כנסת הגדולה וואס האבן מתקן געווען די תפלה צוזאמען מיט דיר, אונז דאווענען מיר נישט אונזערע לשונות, אונז דאווענען מיר לשונות וואס אנשי כנסת הגדולה און דוד המלך האבן געדאווענט. זייערע תפילות זענען זייער אסאך ווערד. טויזענטער יאר וואס דוד המלך איז שוין נישטא און ער דאווענט נאך אלץ, ווען אונז, דאווענען, דאווענט ער מיט אונז מיט.

**דבש** וחלב תחת לשונך (שיר ד-יא) אונטער דיין צינג וואס דאווענט פאר'ן אייבערשטן איז דא דבש וחלב. דבש איז ר"ת ש'פתותיו ד'ובבות ב'קבר. ס'איז דא דוד המלך וואס ער דאווענט צוזאמען מיט אונז. אפילו ווען אונזערע תפילות זענען נישט ווערד אז דו זאלסט עס מקבל זיין, אבער ס'איז דא תחת לשונך, אונטער אונזער צינג ווען אונז דאווענען זענען מיר דאך מעורר אז דוד המלך איז מתפלל מיט אונז, דער דב"ש שפתותיו דובבות בקבר וואס איז תחת לשונך, תקשיב ותושיע דאס זאלסטו צוהערן.

**ווען** אונז זענען מיר זיך משמח מיט די ישועה פון פורים, און מען ליינט די מגילה, איז שפתותיו דובבות בקבר. **אונז האבן מיר א גרויסן גאסט דא ביי די היינטיגע סעודה, אסתר און מרדכי!, זייער נשמה געפונט זיך דא, ווען אידן זענען זיך משמח אין די משתה פון אסתר, שפתותיו דובבות בקבר, זיי זענען דא צוזאמען מיט אונז, זיי פרייען זיך צוזאמען מיט אונז, זיי געבן אריין שמחה אין אונז**[ה].

---

[ה] מתוך שיחת קודש ליל פורים שנת תשע"א (נדפס בשמן ראש לפורים ח"ב עמ' רמח): מבואר בספרים הק' שמרדכי ואסתר שהם בעלי השמחה, שגרמו לנו ימי אורה ושמחה הללו, הם באים ומשתתפים ומסייעים לשמחה נעלית זו בימי הפורים. ויסופר על **הרה"ק רבי ייבי מאוסטראה זי"ע** שבימי הפורים היה נמצא בעיר אחת עם **הרה"ק רבי פנחס מקאריץ זי"ע**, ובסעודת משתה היין

**וועלכער** איד דארף נישט האבן קיין שמחה? ווער קען זאגן, מיין לעבן איז פערפעקט... ס'גייט גראד ס'איז נישטא קיין שום פראבלעמען, יעדער מענטש האט זיך זיינע מצבים, זיינע זמנים. די שמחה פון אסתר המלכה קומען משלים זיין אונזער שמחה. זאל דער אייבערשטער געבן, מרדכי ואסתר וואס געפינען זיך ביי יעדע סעודה וואס אידן זענען זיך משמח פארן אייבערשטן, זאל זיין שפתותיהם דובבות בקבר, זייערע ווערטער זאלן נתקבל ווערן אויבן אין הימל.

*

[**בעת** חלוקת הדגים]: ווען איך וואלט זוכה געווען צו האבן א רבי'ן, וואלט איך געהאט מסירות נפש צו נעמען ביי אים פיש..!

**איך** וועל געבן פיש פאר יעדן איינעם ווער ס'וויל זאל קומען מקבל זיין, פיש דאס איז פרו ורבו, איך האב שוין אמאל געזאגט[1] אז ס'זאל איי"ה זיך מערן ביי אידישע

---

נתאספו אנשים לרוב אצל הרה"ק מקאריץ לשמוח בשמחת פורים, והוא ישב במתי מעט מאנשי ביתו, ולא רבתה השמחה כל כך. ובאמצע הסעודה הגיע לביתו איש אחד, והתחיל לשמח את המסובים באופן נעלה ונשגב, עד שהשמחה עברה על גדותיו, וקול השמחה יצא לחוצות קריה, והקהל שהסיבו אצל הרה"ק מקאריץ עזבו את ביתו והלכו אל עבר בית רבי ייבי. ואמר אז רבי ייבי שהאיש הזה היה מרדכי הצדיק בעצמו, שבא אצלו להרבות בשמחת הפורים שחסר אצלו. הרי שמרדכי ואסתר בעלי הנס משתתפים ומסייעים לריבוי השמחה ביום זה.

ולכן מרדכי בגימטריא רע"ד, וזהו וגילו ברעד"ה, שכאשר שמחים בשמחת פורים, יש לנו אורחים חשובים הבאים להשתתף בשמחת קהלינו, ובכל מקום שמתאספים לשמוח בשמחת פורים, נתגלה שם הארה ממרדכי הצדיק. וכמו שאליהו הנביא מופיע בכל שמחת ברית מילה, ששולח מהניצוץ שלו, כן נמצא מרדכי הצדיק בכל אסיפת מרעים שמתקבצים לשמוח בשמחת היום. וכאשר שמחים אנו ביום זה, לא אנחנו לבד שמחים, רק מרדכי ואסתר שכתבו במגילה והימים האלו נזכרים ונעשים בכל דור ודור, וימי הפורים האלו לא יעברו מתוך היהודים, וזכרם לא יסוף מזרעם' הם בעצמם באים ומשתתפים עמנו בשמחה. ובעת שיהודי שמח ביום זה בכוונה הראויה, ורוצה לעבוד את ה' בשמחה זו, אף שאינו נמצא במצב רוח כזה שיוכל לשמוח באמת, ולהוציא שמחתו מעמקי הלב מן הכח אל הפועל, באים מרדכי ואסתר ומסייעים בידו, שיוכל להביע שמחתו באופן נעלה. וגילו ברעד"ה, אנו שמחים יחד עם מרדכי, וזה מביא את המתינות והערענסקייט שצריך להיות בעת שמחה וגילה עי"ש.

[1] ראה שמן ראש לפורים ח"ב, שיחות קודש עמ' תל"ד וז"ל: הצדיקים כאשר היו מחלקים שיריים מן הדגים, היה להם בזה כוונה פנימית, כי בדגים נאמרה ברכה בפריה ורביה (כתובות ה.). ובתרגום אונקלוס פרו ורבו, 'פושו' וסגו. ובנתינת דגים (פיש) התכוונו להמשיך זרע קודש לאלו שנתנו להם. וידגו לרוב בקרב הארץ (בראשית מח - טז). הרבה שנים הייתי מסתופף בצלו של מרן

קינדער בגשמיות וברוחניות, פרו ורבו איז א דאפעלטער לשון, נישט נאר אין גשמיות צו מערן קינדער, **נאר אויך קענען מחנך זיין ערליכע אידישע קינדער לתורתו ועבודתו יתברך שמו! ווייל אין אזא דור ווי אונז לעבן מיר היינט, מ'זאל קענען מחנך זיין ערליכע אידישע קינדער, דארף מען האבן אן עקסטערע ברכה, אן עקסטערן זכות.**

**זאל** דער אייבערשטער געבן, די אלע וואס געפינען זיך דא, און גאנץ כלל ישראל זאלן קענען מחנך זיין זייערע קינדער לתורה ועבודה צו דינען דעם אייבערשטן, אונז האבן מיר נישט עפעס אנדערש אין אונזער לעבן נאר מחנך זיין אידישע דורות ווייטער, כל מה שברא הקב"ה בעולמו לא בראו אלא לכבודו, פון אלעם דארף א איד זעהן ס'זאל ארויסקומען דערפון א תכלית לכבוד שמים, ונזכה ונחיה ונראה, אונז זאלן מיר זעהן מיט די אייגענע אויגן, יעדער איד פון אונז וואונטש איך, אז דער אייבערשטער זאל געבן מען זאל זעהן נחת דקדושה, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות, אונז האבן מיר נישט אייגענע כוחות אליין, אבער ווען אונז דאווענען מיר דאווענט דוד המלך צוזאמען מיט אונז, ווען אונז פרייען זיך אין שמחת פורים פריידט זיך מרדכי מיט אסתר צוזאמען, [אחשורוש פריידט זיך אויבעט אז פון אים איז ארויסגעקומען א כבוד שמים], ס'זאל זיין די ראשי תיבות פון אחשורוש, ששון ושמחה אהבה ואחוה ושלום ורעות, אלע אידישע קינדער זאלן זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקינו במהרה בימינו אמן.

---

**האדמו"ר מסאטמאר** זי"ע בשלחנו ליל שב"ק. כמדומה לי שמצויים כאן מעט אנשים שעוד זכו לחזות בעבודתו בליל שב"ק אין די געזונטע יארן נאך, וכמעט שלא נתן מעולם שיריים מהדגים להבחורים, רק לבעלי בתים ואברכים, זייער זעלטן וואס ער האט געגעבן א שטיקל פיש פאר א בחור, ואני חושב, כי כוון להמשיך בזה, אז זיי זאלן אויפשטעלן ערליכע אידישע דורות. ותיתי לי שכמה פעמים קבלתי שיריים מהדגים, וזה חשוב אצלי מאד, והיינו דאהני לי, ואני מודה ומשבח להי על השבתות היקרות האלו שזכיתי לראות, כי מה שרואים בימי הנעורים נשאר בזכרון לעולם, וואס מען איז מקבל אין די יוגענט, לאזט א געוואלדיגן רושם אויף שפעטער. - דער רבונו של עולם האט נישט געקענט טון א גרעסערע חסד ווי דאס וואס איך האב זוכה געווען זיך מסתופף זיין ביי ערליכע אידן.

ואני מתפלל כעת בחלוקת הדגים, פושו וסגו, שהקב"ה יתן לכולכם בנים ברואים בגשמיות וברוחניות. אלו שצריכין לבנים יזכו להפקד בזרעא חייא וקיימא. ואלו שזכו כבר לבנים, יזכו לגדלם על דרכי אבותינו ורבותינו, דורות ישרים ומבורכים, הממשיכים את שלשלת הקדושה של הכלל ישראל.

*

[**אודות** עזר לבעלי תפילה בשירות ותשבחות]: **ווען א בעל תפילה גייט צו צום עמוד, און ער זינגט, איז עס אסאך מאהל לא תעמוד על דם רעך ווען מען העלפט אים נישט צו מיטן זינגען.** אין יעדן ציבור זענען דא בעלי מנגנים, וואס קענען זינגען, און אז מען לאזט יענעם זינגען, און מען טוהט אים נישט צוהעלפן וואס ער זינגט איז א בחינה פון לא תעמוד על דם רעך. איך רעדט נישט פונעם עצם דבר, פארוואס זינגט מען, ווייל מען טוהט מיט דעם ארויסברענגען דעם כבוד שמים, ווי שיין איז עס **ווען א בעל תפלה גייט צו צום עמוד, און ער הייבט אן לכה דודי, צו קל אדון אדער ממקומך, און מען העלפט אים צו מיטצוזינגען צוזאמען, דער גאנצער ציבור קומט ארויס מיט אן עקסטאז, און מען העלפט צו מיטן זינגען. עס איז נישט דער ארבעט פונעם בעל תפלה אליין, אז ער דארף ארויסברענגען דעם כבוד שמים, עס איז א חיוב אויף יעדן איינעם**[1].

---

[1] נצטט מתוך דרשת פרקי אבות פ׳ בהר שנת תשע״ד לפ״ק וז״ל: ומי שיש לו קול נעים, כאשר מכבדין אותו לירד לפני התיבה, לא יסרב, אלא יכבד ה׳ מגרונו. וגם מוטל על כל אחד מהציבור לסייע בקולו להשליח ציבור. ובלקוטי אמרים (קונטרס אחרון סימן ט׳) כתב להוכיח על ענין התפלה בכוונה, וכתב דעיקר הסיבה וגרמא בנזקין הוא מהיורדים לפני התיבה, שהוא הפקר לכל הרוצה לפשוט רגליו החוטף אפרתי, או מחמת שאין גם אחד רוצה וכו׳. ואי לזאת העצה היעוצה וכו׳, לבחור אנשים קבועים הראויים לזה על פי הגורל או בריצוי רוב המנין. דהיינו שמתפללים מלה במלה בדרך המיצוע בקול רם, ולא מאריכים יותר מדאי ולא מקצרים וחוטפים ח״ו. ועליהם מוטל חובה לירד לפני התיבה כל אחד ואחד ביומו אשר יגיע לו ולאסוף אליו סביב סמוך כל המתפללים בקול קצתי ולא בלחש ולא חוטפים ח״ו, וכמבואר בתקנות ישנות בכמה עיירות ועתה באתי עכ״פ לחדשן ולחזקן ולאמצן בל ימוטו עוד לעולם ח״ו, (בכ״י גוואלד גוואלד) עד מתי יהיה זה לנו למוקש וכו׳ עכל״ק.

ועל אחת כמה וכמה כאשר השליח ציבור מנגן בתפלות שבת ויום טוב, שיש לכל אחד לסייע לו בהשיר ולהנעים הנגינה. ובספר דברי יחזקאל החדש (דף שצג) כתב, שהרה״ק משינאווא זי״ע אמר, שאם אין מסייעים להבעל תפלה, עוברים על לאו דלא תעמוד על דם רעך, שהוא בגדר הצלת גופו ובזיונו ע״ש.

וכל אחד יודע שכאשר השיר בתפלה היתה נעימה, הרי זה סוג תפלה אחרת, וכבוד שמים מתעלה, והוא דוגמת הלויים בשירם בעת העבודה. וכל אחד יכול להיות לו חלק בכבוד שמים זו, כאשר מסייעים להבעל תפלה, ולעומת זה המונע עצמו מלסייע, ממעט ח״ו כבוד שמים. - וזה נוגע גם לזמירות בשלש סעודות, או בשאר כינוסיים כאשר מתקבצים לזמר שירות ותשבחות, שיודעי נגן הם מלהיבים ומחממים הזמירות לא-ל חי, ויש להם חלק רב בהתעוררות שיש אצל כל אחד, ושכרם הרבה מאד במה שמזכים את הרבים, ותן לו משלו שאתה ושלך שלו.

# שיחה ד׳

**ויהי** ביום השלישי ותלבש אסתר מלכות (אסתר ה-א), ס׳איז געווען דעם דריטן טאג, און אסתר האט זיך אנגעטוען מלכות, די גמרא (מגילה יד:) דרשנ׳ט ס׳גייט ארויף אויף רוח הקודש, און זי איז געקומען צו אחשורוש. איך האב געזעהן אין מדרש (ב״ר נו-א), ביום השלישי, זי האט מיטגענומען מיט זיך די זכותים פון ביום השלישי, מ׳געפינט ווען אברהם אבינו האט מקריב געווען יצחק אבינו אויף די עקידה, ויהי ביום השלישי וישא את עיניו וירא את המקום מרחוק (בראשית כב-ד), זי האט מיטגענומען דעם ביום השלישי פון די עקידה. אויך ביי מתן תורה שטייט, כי ביום השלישי ירד ה׳ על הר סיני (שמות יט-יא), האט זי מיטגענומען דעם ביום השלישי פון דעם מעמד הר סיני, און מיט דעם איז זי געקומען צו מלך אחשורוש, מבטל זיין די גזירה וואס מ׳האט גוזר געווען על היהודים להשמיד להרוג ולאבד. לכאורה דאס וואס זי האט מיטגענומען מיט זיך די זכותים פון די עקידה, זי האט מיטגענומען די זכותים פון מתן תורה, פארשטייט מען, אבער וואס איז די נקודה וואס זי האט מיטגענומען דעם ״ביום השלישי״ דעם דריטן טאג פון די עקידה, און זי האט מיטגענומען מיט זיך דעם ״דריטן טאג״ פון מתן תורה?

**טייערע** קינדער, איך מיין צו זאגן א דבר וואס איז אמת לאמיתו, אפילו ס׳איז נישט פשט אין דעם מדרש, אבער די עצם הדבר איז זיכער אמת. אלע ערליכע אידן ווען זיי האבן געזאגט פשט אין פסוקים, נישט אלץ איז דאס דער פשט אין דעם פסוק, נאר דער עצם דבר איז א דבר אמת און מ׳זוכט א מקום ווי דאס אריינצולייגן, ליכא מידי דלא רמיזא באורייתא. מיר זאגן יעדן טאג די פרשה פון די עקידה, שעקד אברהם אבינו את יצחק בנו וכבש רחמיו מבן יחידו, און ער האט אים געברענגט א עולה פאריך אייבערשטן. דער הייליגער חתם סופר (תורת משה וירא ע:) זאגט, די עקידה ווערט גערעכנט פאר די זכותים פון אברהם אבינו, עס איז פון די עשרה נסיונות שנתנסה אברהם אבינו. בפשטות איז דער נסיון פון יצחק געווען גרעסער, יצחק גייט מען שחטין פארן אייבערשטן און ער האט מסכים געווען דערויף. אזוי ווי מען איז מתפלל, ועקידת יצחק לזרעו היום ברחמים תזכור, דער אייבערשטער זאל אונז געדענקען די עקידה פון יצחק, מ׳רעדט נישט פון אברהם אבינו וואס האט עוקד געווען יצחק.

**זאגט** דער הייליגער **חתם סופר**, דיבורי אמת, ס'איז דא אמונת ה', וואס א איד גלייבט אין רבוש"ע, דאס איז א קלענערע מדריגה, ער גלייבט אין באשעפער. ס'איז דא איד וואס גלייבט אויך אין אמונת חכמים, אז חכמי התורה וואס דער אייבערשטער האט זיי אויסגעקליבן זיי זאלן זיין די חכמי ישראל, זיי האבן א כח מיט זייערע ווערטער, און מ'דארף מקבל זיין אלע זייערע ווערטער כאילו מ'האט דאס געהערט פון אייבערשטן. אברהם אבינו האט געהערט די ציווי פון די עקידה פון רבוש"ע, קח נא את בנך את יצחק והעלהו לעולה. ווער פון אונז וואלט געהערט א זאך פון אייבערשטן און ער וואלט עס נישט מקבל געווען? דער רבוש"ע זאגט ברענג א קינד יצחק פאר די עקידה, שלאג דיך מיט'ן רבוש"ע? ווען דו וועסט נישט ברענגען פאר די עקידה, וועסטו פארדינען? דער רבוש"ע קען אים נישט אוועקנעמען פון די וועלט אן דיר? ער איז אין די הענט פונעם אייבערשטן ממילא. א קליינע נסיון צו פאלגן וואס דער רבוש"ע האט געזאגט.

**יצחק** אבינו, דעם דריטן טאג זאגט אים דער טאטע, ווען ער פרעגט, הנה האש והעצים ואיה השה לעולה, ויאמר אברהם אלקים יראה לו השה לעולה בני. מיין קינד טייערער, דער רבוש"ע האט מיר געהייסן איך זאל דיך ברענגען פאר אן עולה. זאל מען זאגן פאר א קינד היינט, איך גיי דיך ברענגען פאר אן עולה, פרעגט ער, טאטע וואס איז מיט דיר געשעהן, זאגט ער, דער רבוש"ע האט מיר געהייסן אזוי. טאטע אפשר האסטו נישט גוט געהערט, אפשר האסטו נישט גוט פארשטאנען, און ווער זאגט אז ס'איז אמת וואס דו זאגסט מיר, ער הייבט אָן מפקפק צו זיין צי ס'איז טאקע ריכטיג. יצחק, האט גארנישט צוריק געענטפערט פארן פאטער, טאטע דו ביסט א נביא ה', דו האסט געזאגט אז דער אייבערשטער האט דיר געזאגט אז דו זאלסט מיך ברענגען פאר אן עולה, דא בין איך! אלקים יראה לו השה לעולה בני, וילכו שניהם יחדיו, אזויווי אברהם אבינו איז געגאנגען מקיים זיין די מצוה פונעם אייבערשטן, איז יצחק געגאנגען מקיים זיין די ציווי פונעם אייבערשטן. - אברהם אבינו האט מקבל געווען וואס ער האט געהערט פונעם אייבערשטן, יצחק האט מקבל געווען וואס ער האט געהערט פון זיין טאטען.

**דורות** שפעטער, מ'דארף געבן די תורה פאר אידן, זאגט משה רבינו פאר אידן אזוי, דער אייבערשטער האט געזאגט וקדשתם היום ומחר (שמות יט-י), צוויי טאג דארף מען זיך מקדש זיין בעפאר מ'קומט צו מתן תורה, הוסיף משה יום אחד מדעתו (שבת

פז.), איך זאג מ׳דארף האבן נאך א טאג זיך צוצוגרייטן צו מתן תורה, דער אייבערשטער וועט נישט קומען געבן די תורה ביז דריי טאג וואס מ׳וועט זיך צוגרייטן פאר דעם. עטץ הערטסס?! דער רבוש״ע זאגט נאך צווי טאג קום איך געבן די תורה. משה רבינו זאגט פארן רבוש״ע און פאר אידן, איך געב צו נאך א טאג צו קבלת התורה, און דער אייבערשטער וועט נישט געבן די תורה ביז ס׳וועט נישט אדורכגיין דריי טאג אזויווי איך האב געזאגט. דאס ווייזט אויף די געוואלדיגע אמונה וואס אידן האבן געהאט אין משה רבינו. שלשה דברים עשה משה, והסכים הקב״ה על ידו (שבת פז.), די שכינה איז נישט אראפגעקומען ביז דריי טאג שפעטער.

**ס׳איז** דא א געוויסע נקודה אין די עקידה און א געוויסע נקודה פון מתן תורה, אז א צדיק זאגט א זאך, דארף מען פאלגן וואס דער צדיק זאגט. ביי די עקידה האבן מיר דאס געזעהן, דער אייבערשטער האט געהייסן ברענגען יצחק אויף די עקידה און יצחק האט דאס נישט געהערט פונעם אייבערשטן, דער טאטע זאגט, דארף מען זיך הרג׳נען פארן אייבערשטן. ס׳איז געקומען ביי מתן תורה, דער אייבערשטער זאגט צוויי טאג און איך זאג דריי טאג, און דער אייבערשטער וועט נישט אראפקומען צו מתן תורה נאר דעם דריטן טאג. **ווייל א איד דארף זיין נכנע אונטער חכמי ישראל, אז א צדיק פארשטייט א געוויסע מדריגה וואס מ׳דארף צו טוען, דארף מען פאלגן וואס אונז הערן פון חכמי ישראל.**

**עס** שטייט אין מפרשים, ויהי קול השופר הולך וחזק מאוד (שמות יט-יט), דער קול השופר איז זייער א שטארקע קול, עס איז מודיע אז משה ידבר, ווען משה האט גערעדט אז נאך דריי טאג וועט מען געבן די תורה, האלקים יעננו בקול, האט דער אייבערשטער עונה געווען דעם קול פון משה רבינו צו געבן די תורה א טאג שפעטער. זעהט מען פון דעם די געוואלדיגן כח פון חכמי ישראל, צדיק גוזר והקב״ה מקיים, וואס דער צדיק איז גוזר טוט דער רבוש״ע זיך אונטערבייגן אונטער דעם קול פונעם צדיק, און ער הערט דאס צו. משה רבינו האט געזאגט ס׳וועט זיין א טאג שפעטער איז געווארן א טאג שפעטער, און יצחק האט אויך מקבל געווען וואס ער האט געהערט פונעם פאטער, אן דעם וואס ער האט דאס געהערט פונעם אייבערשטן.

**ס׳איז** דא אן **עבודת ישראל** (עיין בפ׳ פקודי ובפ׳ תבא), ס׳גוט צו וויסן פאר אידישע קינדער, ווען אידן פאלגן וואס חכמי ישראל זאגן, איז באתערותא דלתתא

זענען זיי מעורר אתערותא דלעילא אז דער אייבערשטער הערט אויך צו זייערע ווערטער. ווען מ'קומט צו א צדיק און מ'בעט אים א ברכה, און דער צדיק בענטשט א ברכה, און מ'זעט אז ס'העלפט נישט. פארוואס, ווייל אז דו הערסט נישט צו דעם קול פונעם צדיק, וויאזוי קענסטו ערווארטן אז דער אייבערשטער זאל הערן דעם קול פונעם צדיק. אז דו וועסט פאלגן אלעס וואס דו הערסט, דעמאלטס וועט דער אייבערשטער אויך צוהערן. דו פאלגסט, וועט דער אייבערשטער אויכעט פאלגן וואס צדיקים זאגן. ווען אידן זענען זיך מכניע אונטער חכמי ישראל, זענען זיי זוכה אז דער אייבערשטער הערט אויך צו וואס זיי בעטן.

**יצחק** האט זיך אונטערגעווארפן אונטער זיין פאטער, דער פאטער האט געהייסן שחטין, שחט ער זיך פארן אייבערשטן. כלל ישראל האט זיך מוסר געווען אונטער משה רבינו, משה רבינו זאגט דריי טאג צו מתן תורה, איז דריי טאג הכנה פאר מתן תורה. האבן זיי זוכה געווען מיט דעם, אז ווען א איד קומט צו א צדיק און דער צדיק איז מתפלל, טוט דער אייבערשטער זיך מכניע זיין און ער פאלגט דעם צדיק, באתערותא דלתתא איתער עובדא דלעילא.

**מרדכי** הצדיק האט מתפלל געווען אויף אידישע קינדער, ביז ווילאנג אידן זענען נישט נכנע אונטער מרדכי הצדיק, האט מען נישט קיין כח אז מרדכי הצדיקים תפילה זאל נתקבל ווערן, ווען אידן ווארפן זיך אונטער מרדכי הצדיק, דעמאלטס קען נתקבל ווערן די תפילות פון מרדכי.

**ווען** אסתר האט געדארפט אריינגיין אין בית המלכות אויספועלן א ישועה פאר אידן, ויהי ביום השלישי, האט זי מיטגענומען מיט זיך דעם כח פון ביום השלישי. וואס ביום השלישי האט יצחק געהערט וואס דער פאטער האט אים געזאגט, ביום השלישי האבן אידן מקבל געווען וואס משה רבינו האט געזאגט, און אז אידן זענען מקבל וואס זיי הערן פון חכמי ישראל, האט זי א געווער מיט וואס אריינצוגיין צום מלך, און אז זי וועט מתפלל זיין אז ס'זאל געטויישט ווערן די גזירה פון המן, וועט זי דאס קענען פועלן. ויהי ביום השלישי, זי האט מיטגענומען מיט זיך די בחינה פון "ביום השלישי", מיט דעם כח איז זי געגאנגען פועלן א זכות פאר אידישע קינדער — און זי האט געפועלט א זכות.

**אז** אידן האבן יעצט צוגעהערט וואס מרדכי זאגט, מ'האט טאקע פריער עובר געווען אויף די ציווי פון מרדכי וואס האט געזאגט אז מ'זאל נישט גיין צו די בית המשתה, יעצט ווען מרדכי האט געהייסן פאסטן, האבן אלע אידן געפאסט, אלע אידן האבן זיך אונטערגעגעבן אונטער מרדכי הצדיק, איז געקומען א ישועה. ווען ס'איז געשעהן די ישועה האבן אידן מקבל געווען די תורה באהבה (שבת פח.), שטייט אין מדרש (תנחומא נח ) תורה שבכתב האבן אידן מקבל געווען פארדעם אויכעט, תורה שבעל פה אז זיי זאלן הערן וואס משה רבינו זאגט, דאס האבן זיי נישט מקבל געווען, יעצט האבן זיי מקבל געווען אלעס!

**די** מוסר השכל פון די דיבורים זענען. ווען א איד איז מקבל דברי חכמים, ער איז מקבל וואס זיין רבי זאגט אים, ער איז מקבל דאס וואס ער הערט פון א בשר ודם, אבער אז דער אייבערשטער האט אים ממנה געווען אז ער זאל זיין א מנהיג פאר אידן, איז ער מקבל און ער הערט פון זיי, ער גייט נישט אוועק פון דעם וועג, האט ער דעם כח אז ווען דער מנהיג איז מתפלל און בעט פארין רבוש"ע, אז ער זאל העלפן פאר דעם און דעם איד, **זאגט מען אין הימל: "דער איד האט אויף זיך מקבל געווען צו הערן דברי חכמים, דארף מען אין הימל אויך הערן די דברי חכמים"!** מיט דעם איז צדיק גוזר והקב"ה מקיים.

**היינט** ביי קריאת המגילה האב איך אינזין געהאט, אז אסתר האט גערופן אחשורוש אויף א משתה, ביי די משתה האט זי געזאגט ולמחר אעשה כדבר המלך, לאמירווארטן ביז מארגן, מארגן וועל איך זאגן. ויעבור מרדכי, ס'איז נישט געווען קיין איד אין כלל ישראל דעמאלטס וואס האט אפגעראכטן דעם סדר, ס'איז נישט געווען קיין סדר, מען פאסט. איין אידענע איז געווען וואס האט אפגעראכטן דעם סדר, דאס איז געווען, אסתר! זי האט געדארפט זיצן ביי א משתה צוזאמען מיטן מלך. זי האט אפגעראכטן דעם סדר און זי האט מוציא געווען דעם גאנצען כלל ישראל מיטן סדר פון פסח. יעדער האט דאך געפאסט [והיא לא התענה לדעת כמה מפרשים]. ביים ערשטן סדר האט זי זיך געטראפן מיט אחשורוש און מיט המן, האט זי געזאגט ולמחר אעשה כדבר המלך, לאמיר ווארטן ביזן צווייטן סדר. דער ערשטער סדר איז א מצוה מדאורייתא, די צווייטע סדר איז נאר א מצוה מדרבנן, די חכמים האבן מתקן געווען אז מ'זאל אזוי טוען. זי האט געזאגט, איך וועל אפרעכטן דעם צווייטן סדר, וואס מן התורה דארף מען נישט עסן קיין מצה און קיין

מרור, אבער די חכמים האבן געזאגט אז מ'דארף יא, און איך וועל טוען וואס די חכמים זאגן. ווען איך וועל טוען וואס די חכמים זאגן, וועט דער אייבערשטער געבן אז וואס איך וועל זאגן וועט דער רבוש"ע אויך הערן, באתערותא דלתתא אתער עובדא דלעילא, ווען א איד אויף די וועלט הערט דברי חכמים, פירט מען זיך אין הימל אויבעט, אז ווען דער חכם איז מתפלל טוט דער אייבערשטער הערן.

**היינט** איז געווארן א סטייל אז דברי חכמים זענען נישט מעלה ומוריד. ס'איז נישט אזוי. דער אייבערשטער ראה צדיקים שהם מועטין עמד ושתלן בכל דור ודור, **דער אייבערשטער האט שותל געווען חכמי ישראל אין יעדן דור, דארף מען גלייבן אז אין תשע"ז איז אויך דא חכמי ישראל וואס דער אייבערשטער האט זיי שותל געווען, און זייער עבודה איז, בעטן פאר אידן'ס וועגן, זיי האבן נישט אינזין זיך, פאר זיך דארפן זיי גאר נישט, זיי זענען מתפלל פאר'ן כלל ישראל.**

**ווען** א איד איז אמת'דיג מקיים דברי חכמים, ווען ער הערט דברי תורה דברי מוסר, איז נישט מ'האט גערעדט פאר א פרעמדן, נאר מ'האט גערעדט פאר אים, און ער איז מקבל די דברי חכמים, האט ער א וועג אז ווען זיי זענען מתפלל פאר זיינע צרכים איז דער אייבערשטער מקבל! דו הערסט דברי חכמים וועט דער אייבערשטער אויך צוהערן דברי חכמים.

**ויהי** ביום השלישי, ווען זי האט מיטגענומען מיט זיך די זכותים פון "ביום השלישי" וואס אידן זענען מקבל דברי חכמים, ותלבש אסתר מלכות, איז זי אריינגעגאנגען צום מלך מיט א רוהיג הארץ אז זי קען אויספועל'ן היינט ביים מלך. אידן זענען מקבל דברי חכמים טוט דער אייבערשטער אויך מקבל זיין דברי חכמים.

**מ'זאגט** דאך דברי מוסר שטענדיג, מ'מיינט אייביג אז מ'מיינט יענעם, און נישט אים. ס'איז נישט אזוי. ווען מ'רעדט פון א נושא מיינט עס יעדן איינעם, יעדער דארף זיך ארויסנעמען וואס ס'איז נוגע כלפי אים. און ווען ער פאלגט, פאלגט מען פון הימל. ס'קומט שפעטער ער דארף א ישועה, און ער בעט אז מ'זאל מתפלל זיין פאר אים, **איך זאג ענק צו, מ'דארף נישט אויף דעם קיין סגולות און קיין הבטחות, באתערותא דלתתא איתער עובדא דלעילא. אז עמץ פאלגטס פאלגט דער אייבערשטער אויבעט. ווען א איד איז מקבל אויף זיך דברי חכמים, העלפט דער אייבערשטער וואס די חכמים זענען מתפלל.**

**כלל** ישראל האט דאך ערליכע אידן צדיקים וואס זענען מתפלל פאר זייערט וועגן, זיי בעטן פארין כלל ישראל, זיי האבן נישט קיין אנדערע בקשה נאר עמי בבקשתי ובשאלתי, זייער גאנצע בקשה איז נאר פארין כלל ישראל, **אז מ'זויל געהאלפן ווערן, מ'דארף נישט זוכן קיין סגולות פון "באבא'ס", סגולות פון דער פרעמד, מען דארף נישט קיין סגולות פאר עין הרע, מ'דארף נישט זוכן קיין סגולות פאר גארנישטו! פאלגטס וואס חכמי ישראל לערנען ענק, וועט עטס זעהן אז עטץ וועטס געהאלפן ווערן**, אז א איד פאלגט וואס חכמי ישראל זאגן, ווען ס'קומט פאר אים א פראבלעם און א צדיק איז מתפלל פאר אים, ווערט ער געהאלפן, ס'איז בדוק ומנוסה.

**זאל** דער אייבערשטער געבן ס'זאל נתקבל ווערן אלע תפילות וואס צדיקים בעטן פארין כלל ישראל, דער אייבערשטער זאל אונז געבן דעם זכות, אונז זאלן קענען דבוק זיין אין צדיקים, דבוק זיין אין ערליכע אידן, וועט זייער זכות מגין זיין, וואס זיי וועלן מתפלל זיין פארין כלל ישראל וועלן אידישע קינדער געהאלפן ווערן.

**שטייט** שוין פון **רבי ר' אלימלך** (הובא באגרת הקודש)) וואס ער זאגט, דור לדור ישבח מעשיך (תהלים קמה-ד), יעדע דור אין זיין זמן זענען זיי נישט מחשיב די צדיקים, אבער דור לדור, ס'גייט אריבער דער זמן, ישבח מעשיך, לויבט מען די צדיקים וואס זענען געווען. די פריערידיגע דור צדיקים, אפילו מ'האט זיי נישט מחשיב געווען בחייהם, אבער שפעטער זעהט מען וואס מ'האט פארפאסט, מ'זעהט וואס פארא ערליכע אידן אונז האבן מיר געהאט, הלוואי וואלט מען זיך מער מדבק געווען אין די צדיקים פון אמאל, וויפיל מ'האט זיך מדבק געווען[ח].

---

[ח] ציטוט מתוך דרשת ז' אדר שנת תש"ע לפ"ק: כתוב **באגרת הקודש** (הנדפס בסוף ספר **נועם אלימלך**), שכאשר נתהוה המחלוקת שנתעורר על **הרה"ק בעל קדושת לוי זצ"ל**, שאלתי את **אאמ"ו** (**בעל נועם אלימלך**) נ"י, והשיב לי בזה הלשון, מה זה חידוש אצליכם, כבר היה לעולמים דברים כאלה וכו'. ואמר פירוש על הפסוק, דור לדור ישבח מעשיך (תהלים קמה-ד), דאיתא בגמרא (יומא לח:) עד שלא שקעה שמשה של עלי זרחה שמשה של שמואל, עד שלא שקעה שמשה של רבי וכו' כי אין הדור ריק מן הצדיקים בכל דור ודור, רק שאין מאמינים רק מי שיש לו נשמה קדושה ולא טנפה בעבירות. הגם שמביאין להם ראיה מן הצדיקים ומדורות הקדמונים, אומרים בזה הלשון, אנו מאמינים בחכמים קדמונים שהיה להם מדריגת רוח הקודש, אבל עתה בדור הזה בלתי אפשר להיות זאת, וכן בכל דור ודור אומרים כך כמו שמצינו בשאול המלך ע"ה כידוע. אהובי אחי יהי לבך בטוח, כי גם בימי **הקדוש האר"י** ז"ל היה גם כן מתקוטטין עמו. וזהו פירוש

**איך** פיל מיר פאר א זכות, און איך זאג עס ברבים וועגן דעם, אז מ'זאל זיך אפלערנען דערפון. דער אייבערשטער האט מיר חונן דעת געווען, **כל ימי חיי בין איך דבוק געווען צו ערליכע אידן, פון ווען איך בין געווען א קינד, פון פאר די בר מצוה. וואס פארא השגות מ'האט אמאל געהאט, ווי ס'איז געווען א ערליכער איד, זעהן וואס מ'קען פון זיי זיך אראפלערנען, מקבל זיין, זעהן וואס מ'קען טוען, און זיין דבוק אין ערליכע אידן, איך פיל דאס פאר א זכות אז דער אייבערשטער האט מיר חונן דעת געווען אז איך האב דאס זוכה געווען.**

**פארוואס** זאג איך דאס פאר ענק?! אין יעדן דור איז דא ערליכע אידן! נישט איבערלאזן, **מ'זועט זיך אמאל בענקען אויף די ערליכע אידן וואס אונז האבן אין היינטיגן דור! תשע"ו! וואס דאס וועט מען אויך נישט האבן! און מ'זועט צוריק טראכטן, פארוואס האבן מיר נישט אויסגענוצט די געלעגענהייט וואס אונז האבן מיר געהאט אז מיר זאלן קענען מקבל זיין פון זייערע וועגן.**

**איך** האב געהאט זייער א נאנטן קשר מיטן **תולדות אהרן רבין זי"ע ועכי"י**. איך פארצייל עס פשוט אז מ'זאל וויסן אז ווען מ'קען שטיין צום ימין פון א צדיק, וואס פארא געוואלדיגן זכות דאס איז. איך פיל עס היינט, אז איך בין אסאך נהנה פון דעם וואס איך האב זוכה געווען צו זיין בקרבתו. און פון אנדערע צדיקים וואס איך האב זוכה געווען.

**דער** תולדות אהרן רבי ז"ל איז נישט געווען געזונט אין די לעצטערע יארן, ווען ער

---

הפסוק, דור לדור ישבח מעשיך, רצה לומר דור שהוא עתה, מודים בעצמם שהדורות שהיו לפניהם היה להם מדריגות, וזהו ישבח מעשיך, שמשבחים ומודים שגדולים מעשה הי' שנותן לצדיקים, אבל לא בדור הזה. וזהו פירוש הגמרא (חולין ז:) גדולים הצדיקים במיתתם יותר מבחייהם, כי בחייהם היו מתקוטטים עמהם, ואחר מיתתם כולם מודים ומשבחים אותו שהיו לו מדריגות הנ"ל עכ"ל.

הרי לנו כי גם בדורו של **בעל הנועם אלימלך זי"ע, והקדושת לוי זי"ע**, שהיו אז בעלי רוח הקודש למאות, היו אומרים כי בדור זו אי אפשר להיות זאת. והוא מוסר השכל על תחבולות היצר שמבלבל דעת האדם, ויש לידע כי בכל דור יש צדיקים, וראה הקב"ה בצדיקים שהם מועטין עמד ושתלן בכל דור ודור (יומא לח:), ולא אלמן ישראל, די וועלט גייט נישט אונטער, הקב"ה שומר עולמו, ובכל דור יש ערליכע יודן שיכולים ללמוד מהם. ואם אינם גדולים כמו הקודמים, גם יהושע לא היה גדול כמו משה רבינו, ומכל מקום היו צריכין לקבל, שיהושע בדורו כמשה בדורו ע"ש.

איז נישט געזונט געווארן, ממש אין אנהייב, ער האט אנגעהויבן עוסק צו זיין אין רפואות, ער האט געזוכט א דאקטער דאהי וואס זאל אים העלפן אין רפואות. ער איז דאך געווען אין ארץ ישראל, און דאקטורים זענען דאך בעיקר דא אין אמעריקע, ער האט נישט געהאט קיין קשר מיט דאקטוירים אין אמעריקע, ער האט נישט געוואלט פאר אלעם דערציילען וואס ער גייט אדורך. האב איך איינמאל באקומען א טעלעפאן קאל פון זיין גבאיין [איך רעד פון זאכן פון דרייסיג און פערציג יאר צוריק] אז דער רבי איז נישט געזונט, ער דארף א דאקטער דאהי וואס זאל אים העלפן, צי איך קען אים מאכן אן אפוינטמענט צו א געוויסן דאקטער, און איך זאל פאר קיינעם נישט פארציילן אז עפעס איז נישט אין ארדענונג. איך האב געזאגט, אוודאי, איך וועל טוען וואס איך קען.

[**איך** געב איבער דברים כהווייתן] ס'איז געווען א דאקטער דיימאנד, איך געדענק נישט וועלכע שפיטאל ער האט געארבעט, ער איז געווען א מח דאקטער, און ער האט מיך געבעטן איך זאל מאכן אן אפוינטמענט צו אים. האב איך אים געזאגט, איך וועל טוען וואס איך קען. איך האב אנגערופן דעם דאקטער, איך האב אים נישט געזאגט דעם נאמען, ווייל איך האב נישט געוואלט אז ס'זאל ארויסקומען שפעטער אז ער איז געווען ביי אים, איך האב געזאגט א גרויסער ראביי פון ארץ ישראל שפירט זיך נישט גוט, [איך געדענק נישט וועלכע נאמען כ'האב אים געזאגט], און ער וויל האבן אן אפוינטמעט צו אים.

**ס'איז** געווען אן אפוינטמענט ניין אזייגער צופרי, קיינער איז נישט מיטגעגאנגען נאר איך צוזאמען מיט אים. ער איז געווען זייער אריסטאקראטישער דאקטער, זייער א פיינער, א מענטש ווי מ'זאגט. ער האט אים דעמאלטס אונטערזוכט, ער האט פעסטגעשטעלט אז ער ליידט פון "פארקינזאן" און ער האט אים געגעבן פארשידענע רפואות וואס ער קען טוען דערצו. דער תולדות אהרן רבי ז"ל האט געהאט א געוויסע געפיל צו ארגינעלע רפואות, און ס'איז געווען א דאקטער אין טאראנטא, ער האט געהייסן דאקטער 'אדאמי', [איך פארצייל זאכן וואס איך רעד נישט אזוי ברבים, אבער... ס'איז פורים מעג מען עס רעדן, איך וויל מעורר זיין זכות פאר מיר אויף ווייטער] און ער האט געבעטן איך זאל מאכן אן אפוינטמענט צו דעם דאקטער. דער דאקטער איז נישט געווען קיין דאקטער פון מעדיצין, נאר פון וויטאמינען.

**דער** דאקטער איז געווען אין טאראנטא, האט ער מיך געבעטן איך זאל מיטפארן מיט אים צוזאמען אויף טאראנטא. ער האט נישט געוואלט אז מ'זאל וויסן דערפון. איך בין געפארן מיט אים צוזאמען. דער דאקטער האט אים געקוקט אין די אויגן און פון דעם האט ער געגעבן זיין דיאגנאז[ט], און ער האט אים געגעבן פארשידענע באטלעך וואס ער זאל נעמען וואס ס'וועט אים היילן. [איך געדענק שוין נישט וויאזוי איך בין אריינגעקומען אין דעם שמועס בכללות]. איך האב אים זוכה געווען צו באגלייטן אויפן וועג אהין און אויפן וועג צוריק, איבערגענעכטיגט דארט א נאכט אין טאראנטא, קיינער האט נישט געוויסט פארוואס ער איז געקומען, מ'האט געמיינט אז ער איז געגאנגען פאר געלט, ער איז געגאנגען זיך צו היילן. אוודאי האט מען געטוען וואס מ'קען, אבער איך דאנק דעם רבוש"ע וואס האט מיר געגעבן דעם זכות, גדולה שמושה יותר מלמודה, אז מ'לערנט פון א צדיק, און אז מ'איז זוכה צו באדינען א צדיק, מ'זאל וויסן דעם געוואלדיגן זכות וואס מ'האט.

**איך** געב שבח והודאה פארן רבוש"ע, אין דעם זכות וואס איך האב באדינט ערליכע אידן האב איך געקענט אסאך לערנען פון זיי שטענדיג, און דאס איז וואס מ'בעט פון אונזער דור, תשע"ו, מ'זאל געדענקן, ראה הקב"ה שהצדיקים מועטין עמד ושתלן בכל דור ודור, אין יעדן דור איז דא ערליכע אידן וואס דינען דעם אייבערשטן, ס'איז נישט די מדריגות וואס ס'איז געווען אמאל, ס'איז זייער ווייט פון וואס ס'איז געווען אמאל, די דורות פאלן, די דורות זענען נישט דאס וואס ס'איז געווען, אבער אין יעדן דור האט דער אייבערשטער שותל געווען ערליכע אידן, ווען א איד פאלגט וואס ער הערט פון חכמי ישראל, זאל ער וויסן באתערותא דלתתא אתער עובדא דלעילא, דו פאלגסט וואס מ'הערט, ווען דו האסט א פראבלעם און דו וועסט בעטן, וועט דער אייבערשטער אויך צוהערן די תפילות וואס מ'איז מתפלל.

---

[ט] מתוך דרשת מרן שליט"א ביומא דהילולא של הגה"ק מתולדות אהרן זצ"ל בביהמ"ד תולדות אהרן בירושלים עיה"ק, ג' דחנוכה תשע"ח: עס איז מיר אויסגעקומען, אז איך בין אמאל געווען צוזאמען מיטן רבי'ן ביי א דאקטער אין טאראנטא. דער דאקטער איז געווען א דאקטער וואס האט געטון אין נאטורליכע זאכן. ער פלעגט אריינצוקוקן אין די אויגן, און פון די אויגן האט ער געקענט אפשאצן וואס מען זאל געבן. איך בין געווען צוזאמען אין שטוב, נאכדעם וואס דער רבי איז ארויסגעגאנגען, האט דער דאקטער געזאגט, 'אזעלכע שיינע אויגן, האבן איך שוין לאנג נישט געזעהן'! א גוי, א דאקטער. איך וויים נישט וואס ער האט געזעהן, איך וויים נישט ווי אזוי מען מעסט עס, אבער עפעס איז געווען. אז דער גוי זאגט, אזעלכע שיינע אויגן האט ער נישט געזעהן. דאס איז געווען זיין מהות. אז מען איז מקדש די רוחניות פון די אויגן, ווערט נתקדש בגשמיות די אויגן.

**ויהי** ביום השלישי ותלבש אסתר 'מלכות', זי האט זיך מיטגענומען די עבודה וואס אידן האבן געטוען ביום השלישי, דעם דריטן טאג פון די עקידה און דעם דריטן טאג פון מתן תורה, ותלבש אסתר מלכות, מיט דעם האט זי געהאט דעם כח פון א מלך. וואס איז א מלך, א מלך איז גוזר און הקב"ה איז מקיים. ותלבש אסתר מלכות, זי האט זיך אנגעטוען מלכות, איך פארלאנג פונעם רבוש"ע ער זאל מבטל זיין די גזירה, אירע תפילות דעמאלטס האבן עושה רושם געווען, ס'איז אלעם נתהפך געווארן, פון איין מינוט אויף די אנדערע מינוט איז געווארן אלעם געטוישט פון וואס ס'איז געווען פריער.

**כלל** ישראל זענען דאך דבוק אין ערליכע אידן, מ'פאלגט וואס ערליכע אידן זאגן, זאל דער אייבערשטער געבן אז די אלע תפילות וואס זיי זענען מתפלל פארין כלל ישראל זאל נתקבל ווערן לרחמים ולרצון, די תפילות וואס מנהיגי ישראל בעטן אויף אידישע קינדער, זיי האבן נישט קיין אנדערע בקשה פארין רבוש"ע, זיי מיינען נישט זיך, זייער עיקר תפילה איז, אז דער אייבערשטער זאל העלפן פארן כלל ישראל, זיי האבן אזא שמחה ווען א איד ווערט געהאלפן, ווען א איד גייט אים גוט און ער איז מצליח, דער אייבערשטער געט אים וואס ער דארף צו האבן, ס'איז זייער גרעסטער תענוג זייער גרעסטע שמחה וואס זיי קענען האבן. אמאליגע ערליכע אידן האבן נאר געבעטן פארן כלל ישראל, זיי האבן גארנישט געבעטן פאר זיך, ווי די גמרא (ברכות יז:) זאגט כל העולם כולו ניזון בשביל חנינא בני, וחנינא בני די לו בקב חרובין, זיי האבן נאר געוואלט מזכה זיין את הרבים.

**דער** אייבערשטער זאל געבן פאר אונז אלע, טייערע אידישע קינדער, מיר זאלן אלע געהאלפן ווערן מיט אלעם וואס אונז דארפן מיר האבן, יעדער איד איז מלא בקשות פארן רבוש"ע, זאל דער אייבערשטער געבן, מ'זאל האבן פרנסה בהרחבה, מ'זאל זיין געזונט און שטארק, ובעיקר מ'זאל זעהן שמחות און נחת ביי די קינדער און ביי די אייניקלעך, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות. ס'איז א שווערע דור היינט, מ'דארף האבן אסאך תפילות ובקשות ורחמים, אז דער אייבערשטער זאל געבן אז דער שלשלת הזהב זאל זיך נישט אפהאקן און נישט אפגעשטעלט ווערן וואס אידישע קינדער זענען ממשיך די דרכי אבות, זאל דער באשעפער געבן אז אלע תפילות זאלן נתקבל ווערן לרחמים ולרצון.

# שיחה ה׳

**איך** וויל ארויסברענגען יעצט דעם פונקט פונעם פורים וואס אונז זיצן מיר דא צוזאמען יעצט. יעדער איד איז היינט געווען מלא וגדוש מיט תורה ומצוות. מ׳האט מקיים געווען משלוח מנות, מ׳האט מקיים געווען מתנות לאביונים, מ׳האט מקיים געווען שמחה ומשתה, ס׳איז שוין האלב דרייע, ס׳איז שפעט און מ׳זיצט נאך צוזאמען, און מ׳דאנקט דעם אייבערשטן אויף די ניסים ונפלאות וואס דער רבוש״ע האט געטוען פאר אידן. אחור וקדם צרתני ותשת עלי כפיך (תהלים קלט-ה), איך האב היינט געזעהן אין **קב הישר** (פרק צ״ז) וואס ער זאגט, אז א יעדן פורים איז דא א קיטרוג אויבן אויף אידן, דער ס״מ איז מקטרג, מ׳לערנט נישט היינט, דער כולל איז נישט אנגעגאנגען, די ישיבות זענען נישט אנגעגאנגען, מ׳עסט און מ׳טרינקט און מ׳פריידט זיך, וואס גייט דא פאר?! איז דער ס״מ מקטרג, אזוי זאגט דער קב הישר. זאגט דער אייבערשטער, קוק א טאג פריער וואס אידן האבן געטוען, תענית אסתר, טף ונשים האבן געפאסט אין דעם טאג וואס זיי האבן זיך צוגעגרייט צו דעם פורים, ס׳איז נישט נאר אז מ׳עסט און מ׳טרינקט און מ׳פריידט זיך פורים, ס׳איז געווען מיט אן הכנה, מ׳האט מתפלל געווען, מ׳האט געפאסט פאר דעם אז דער אייבערשטער זאל העלפן אידן, עד כאן די ווערטער פון קב הישר.

**איך** וויל צוגעבן דערצו, דער אייבערשטער דארף קוקן נישט נאר אויף א טאג פריער, דער אייבערשטער דארף אויך קוקן וויאזוי ס׳זעהט אוים די נאכט פון אידן נאכדעם וואס מ׳איז זיך משמח פונעם פורים. איך בין זיכער ווען ס׳וואלט היינט פורים, געווען א גוי׳אישע פעסטיוואל, קיין איין גוי וואלט מען נישט געטראפן אין אזא צוזאמקונפט! מ׳וואלט געגעסן און געטרינקען און זיך וואילגעגאנגען, ווען ס׳וואלט געקומען ביינאכט וואלטן אלע געווען הרוגים! גע׳הרג׳עט פונעם טאג און פארנומען מיט זייערע תאוות עולם הזה, ס׳וואלט קיינעם נישט איינגעפאלן צו זיצן פשוט רוהיג און הערן דברי אלקים חיים! דאס איז נישטא נאר ביי כלל ישראל! **ווען דער רבוש״ע זעהט ווי דער שטן איז מקטרג אין פורים אז מ׳לערנט נישט, זאגט דער רבוש״ע, דו ווילסט וויסן וואס די משתה ושמחה איז, לאמיר צוווארטן ביז ביינאכט. ס׳קומט ביינאכט און מ׳זעהט אידן האבן שוין מקיים געווען די מצות היום, און מ׳זיצט רוהיג און מ׳זוכט זיך מדבק צו זיין אינעם רבוש״ע.**

**וואס** פארא נחת רוח ס'קומט ארויס היינט נאכט אין הימל!, יעדע נאכט שטייט דאך אין הייליגע ספרים, אין זוהר הקדוש (ח"א צב.), אז ווען ס'קומט חצות לילה איז דער רבוש"ע זיך משתעשע מיט די צדיקים וואס טוען דינען דעם אייבערשטן און זיי שטייען שוין אויף ביי חצות לילה, היינט דארף דער אייבערשטער נישט זוכן די צדיקים, **דער רבוש"ע גייט אין אלע אידישע בתי מדרשים און זעהט ווי אידישע קינדער זיצן און פרייען זיך מיטן אייבערשטן, מ'זאגט שירות ותשבחות פארן רבוש"ע, יעדער איד איז אויפגעלעבט מיט א שמחה וששון פארן רבוש"ע.** זאגט דער רבוש"ע פאר דעם שטן, דו ביסט מקטרג וויאזוי אידן האבן אויסגעקוקט איבערן פורים, לאמיר קוקן ביינאכט, לאמיר זעהן צו ביי די גוים טרעפסטו אויך אזא זאך?! אז נאך א טאג פון שמחה ומשתה און עד דלא ידע, זיצט מען און מ'גיט שבח והודאה פארן רבוש"ע.

**אחור** וקדם צרתני, ווען דער אייבערשטער וויל אנקוקן אונזער צורה, קוקט ער "אחור" "וקדם", ער קוקט וואס ס'איז געווען קדם, וואס ס'איז געווען א טאג פאר פורים, מ'האט געפאסט א גאנצן טאג, און קוקט דעם אחור, א טאג שפעטער וויאזוי עס קוקט אויס, צרתני, מיט דעם פארשטייסטו וואס די צורה פון א איד איז, דאס זעהט דער רבוש"ע וויאזוי אידן זיצן און זענען זיך משמח מיטן רבוש"ע..

**ווען** מ'פרעגט, איז נאך דא אזא פאלק ווי אידישע קינדער? איז נאך דא אזא פאלק וואס איז דבוק צום אייבערשטן? זעהט מען עס אין דעם יום הפורים, וויאזוי אידן זענען דבוק צום אייבערשטן, נאך א גאנצן טאג משתה ושמחה, זיצט מען און מ'הערט אויס דברי אלקים חיים, און אידן זענען מקבל וואס חכמי ישראל זאגן, און יעדער איד גייט אוועק מיט א געוויסע געפיל פון מקבל זיין זיך צופירן ערליך, ס'איז נישטא דא נאך אזא טאג וואס אונז זעהן מיר וואס פארא גרויסער באשעפער אונז האבן מיר, דער אייבערשטער האט נישט נאר געטוען ניסים שלא כדרך הטבע, נאר אין דרך הטבע אליין האט דער אייבערשטער געוויזן, איך קען העלפן פאר יעדן איד מיט וואס ער דארף האבן.

**דאס** געט אונז א געוואלדיגן חיזוק, אונז גייען מיר אהיים יעצט, מ'גייט צוריק צו די ארבעט, מ'גייט צוריק צו "ביזנעס עז יוזשעל" ווי מ'זאגט, און וויסן אז דער רבוש"ע איז דארטן צוזאמען מיט דיר, אין דרך הטבע, דער אייבערשטער פירט די וועלט,

**און ווען א איד איז זיך בוטח אויפן אייבערשטן, השלך על ה' יהבך והוא יכלכלך, זיין גאנץ פעקל וואס ער האט, זאגט ער פארן רבוש"ע איך ווארף אלעס ארויף אויף דיר, דו קענסט אלעס טוהן, דו קענסט אלעס העלפן, טאמער דו וועסט העלפן קען איך געהאלפן ווערן, טאמער דו טוסט נישט, קען איך מיר גארנישט טוען. דעמאלטס ווען א איד ווארפט זיך ארויף אויפן אייבערשטן, איז ער זוכה אז דער אייבערשטער נעמט איבער זיין ביזנעס, דער אייבערשטער פירט אלעס!**

**זאל** דער אייבערשטער געבן מ'זאל זוכה זיין מיטנעמען מיט זיך די ימי הפורים אויף שטענדיג, שמחה וששון זאל זיין ביים כלל ישראל, ונזכה ונחיה ונראה ונירש טובה וברכה לשני ימות המשיח ולחיי העולם הבא, זאלן מיר ארויסגיין פון דעם פורים מיט א גאנצן פעקל ברכות. ס'איז נישטא קיין איינער פון אונז וואס וויל נישט עפעס מיטנעמען פון דעם פורים, יעדער איינער האט זיך זיינע בקשות, זה בכה וזה בכה, ביי איינעם אינעם אין שטוב, ביי איינעם אין די געשעפטן, און ביי איינעם ביי ביידע צוזאמען, וואס ער דארף האבן ישועות פונעם אייבערשטן, ווען א איד איז זיך משמח מיטן אייבערשטן העלפט אים דער רבוש"ע מיט אלעם. מיר דארפן ארויפווארפן אונזער גאנצער פעקל אויפן רבוש"ע, **און נישט נאר 'זאגן' עם השלך על ה' יהבך, נאר פילן מיט א אמת אז דער אייבערשטער פירט די וועלט, אלעס וואס ס'קומט פאר איז פון דיין האנט, רבוש"ע דו פיר מיר עס! איך וועל טוען וואס איך דארף צו טוען השתדלות, אלעס איז אבער אין דיין האנט, וואס דו קענסט עם מטה זיין אז ס'זאל זיין גוט.**

**דער** באשעפער זאל ממלא זיין כל משאלות לבבנו לטובה. מרדכי און אסתר וואס זיי זענען די בעלי שמחה היינט, זאלן שטיין לימינינו, לימין פונעם כלל ישראל, זאלן ממשיך זיין א ישועה פאר אידישע קינדער בשמחה, אונז זאלן מיר זוכה זיין אלע אינאיינעם א קעגן צו גיין משיח צדקינו במהרה בימינו אמן.